פירצענטער יארגאנג

№ 21 — Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Aug 19

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
טשענסט. אלעע 6. — טעלעפאן 291

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.

Piątek, d. 24 maja 1935 — ליכט-צינדען 7.15 — פרייטאג כ,א אייר פ' בחוקותי תרצ"ה.

זונטאג, דעם 26 מאי, אין טאג פון דער ערשטער שמערצליכער יאהרצייט פון

ג"ע העלענא וויערזשביצקא

וועט 12 א זייגער מיטאג פארקומען אויפ'ן בית-עלמין דאס פייערליכע ענטהילען פון דער מצבה, וועגען וואס עס איז מודיע פריינד און בעקאנטע

די פאמיליע.

Dnia 22 maja 1935 roku zmarła przedwcześnie

ZOFJA WAJNSZTOKóWNA

przełożona tutejszej Prywatnej Koedukacyjnej Szkoły Powszechnej.

W zmarłej, tutejsze społeczeństwo żydowskie traci jedną z najpopularniejszych wychowawczyń która pełnem i szlachetnem poświęceniem oddawała się sprawie wzorowego wychowania młodzieży.

Cześć Jej Świetlanej Pamięci!

KOMITET RODZICIELSKI
przy Szkole Koedukacyjnej Zofji Wajnsztokówny

להעלמה זיסל אוברבום לחתונך עם מר שמחה בונם ובדסקי הננו שולחים לך ולהוריך את ברכתנו הלבבית

אשר מנדלביץ ורעיתו וויעלון.

אחולים לבביים לזיסל אוברבום ולהוריה לנשואיה את בחירת לבה מר בונם זבדזקי
יהי רצון שתמלאנה שאיפותיהם.

משפחת טובנפליגל,
משפחת בומגרטן וויעלון.

Szczęścia i powodzenia z intencji ślubu
p. ZOSI UBERBAUMÓWNY z p. BINEMEM ZAWADZKIM
(Krzepice) życzy szczerze
Jadźka Rozen, Wieluń.

מפאת נשואי בתו הננו מברכים את ידידנו מר **עוזר אוברבוים** ברוב נחת ושמחה ואת הזוג הצעיר — ברוב אשר ועושר.

יוסף שאיא ומשפחתו, וויעלון.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען קוזין **אלחנן ערליך** מיט פרל. **בלימה באר** וועלכע איז פארגעקומען דינסטאג ל"ג בעומר ווינשען מיר אייביגע צופרידענהייט און א גליקליכע צוקונפט. די עלטערן ווינשען מיר צו זעהען ביי זיי פיעל גליק.

שלמה אורבאך און **פאמיליע.**

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען קוזין **אלחנן ערליך** טשענסטאכאוו מיט פרל. **בלימה באר** טריסק, וועלכע איז פארגעקומען דינסטאג ל"ג בעומר אין קאוועל ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען און די עלטערן פיעל נחת צו זעהען ביי זיי.

משה יאקובאוויטש און **פאמיליע.**

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **איצעק גערשאנאוויטש** מיט פרל. **עדזיא גיטלער** א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט. ווינשען

דוד קווינטא, יצחק גראנעק און **דוד גאטיינער.**

אונזער פריינד **איצעק גערשאנאוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **עדזיא גיטלער** א הארציגען מזל טוב און אייביגעס גליק ווינשען

משה פראנק און **פרוי.**

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען ברודער און שוואגער **יודל רייבער** מיט פרויליין **מאניא ברזאסקא** ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט. זאל אייער לעבענסוועג זיין מיט בלומען בעציהרט.

י. רייבער און **כלה.**

שוין צו פערדינגען

א געוועלב מיט א צימער ביים געוועלב אויפ'ן בעסטען פונקט אין דער אלעע.

ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע פאר B.

Rodzinie Wajnsztok
spowodu przedwczesnego zgonu Ich drogiej Córki i Siostry a naszej nieodżałowanej Przyjaciółki i Przełożonej

b. p. ZOFJI WAJNSZTOKóWNY

składa
Grono Nauczycielskie.

Cześć Jej pamięci!

Szczere współczucie RODZINIE spowodu śmierci Ich Córki i siostry a naszej ukochanej b. Przełożonej i Wychowawczyni

b. p. Zofji Wajnsztokówny

wyraża
Koło Byłych Wychowanków.

ד"ר מעד.

ד. טארבעטשקא

אגראדאווא 10

אינערליכע און פרויען קראנקהייטען,
נעמט אן פון 3—2 און פון 8—6 אווענד.

DOM

na ul. Senatorskiej № 4 róg Mostowej 5
DO SPRZEDANIA.
Nie podlega ochronie lokatorów.
Wiadomość u gospodarza na miejscu.

Koleżance p. HELENIE ELKANOWEJ składają wyrazy głębokiego współczucia i żalu spowodu śmierci nieodżałowanej Siostry b. p.

Zofji Wajnsztokówny

Kierowniczka i Grono Nauczycielskie
Szkoły Powszechnej Nr. 13, im. Marji Konopnickiej
w Częstochowie.

אונזער חשוב'ן עהרען פ"עזעצ ה' **בצלאל פאטאשעוויטש** צוליעב'ן טויט פון זיין פרוי

גאלדע נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פערוואלטונג פון דער **גמילות-חסדים-קאסע** פילכודסקי 31.

דאנקזאגונג

דעם בעסטען דאנק זאגען מיר די אלע, וועלכע האבען אונז מיטגעהאלפען צום בלימעל-טאג, וועלכער איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 20-טען מאי 1935 און האט אריינגעבראכט די סומע פון 155 זל. מיט 9 גראשען.

די פערוואלטונג פון **גמילת-חסד אגראדאווא 6.**

פאבריקס-לאקאלען שוין צו פערדינגען

זיך ערקונדיגען ביי **דאטבארט'ן אלטער מארק 23.**

Rodzinie Wajnsztok
z powodu zgonu Ich ukochanej córki

b. p. ZOFJI

składają wyrazy serdecznego współczucia
Adolfowie Kongreccy.

זונטאג, דעם 26-טען מאי 1935 י. 11 א זייגער פריה וועט געשטעלט ווערען די מצבה פון אונזער פריהצייטיג יונג פערשטארבען טעכטער'ל

איידעלע מונאוויטש נ"ע

צו וועלכע עס לאדענען איין קרובים און בעקאנטע
די אין טיפען טרויער פערבליבענע

עלטערן און **שוועסטערל.**

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO,
w lokalu własnym **Waszyngtona 6.**
Przyjmuje zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 10 w.

שבת ד. 25 אנהויב 8 אווענד פראקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט.

לעצטע מוזיק-שלאגערס. צונעגליכער אבצאל.

Wyrazy szczerego współczucia RODZINIE WAJNSZTOK z powodu przedwczesnej śmierci Ich Córki i Siostry

b. p. ZOFJI

składają
DAWIDOWIE KONGRECCY.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזער פערוואלטונגס - מיטגליד ח' **י. דזיארע** צום פריהצייטיגען טויט פון פון זיין ליעבען זוהן

אדאלעק נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואלטונג פון יודישען שניידער-צעך.

דער **פאמיליע וויינשטאק** צוליעב'ן טויט פון זייער ליעבע טאכטער און שוועסטער, אונזער קוזינקע

זאפיא נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

יאנאס נוסבוים און **פרוי.**

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג-דויערנדע שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אלעראַרט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס!
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

אתך אנו בצערך הגדול, חבר **שלמה** למות עליך אביך

משה קוזק נ"ע

בעבודתך המרצית לטובת רעיוננו תנוחם.

ישראל יצחק יניאק ורעיתו
נתן ליברמן.

אונזער מיטגליד ה' **פראפ. לעאן וויינשטאק** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין ליעבע שוועסטער

זאפיא נ"ע

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

פערוואלטונג פון דער **יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט אין טשענסטאכאוו.**

אונזער מיטגליד פרל. **פ. קאזאק** צוליעב'ן טויט פון איהר פאטער

משה נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואלטונג פון יודישען שניידער-צעך.

אויף די זעלבע וועגן.

מיט'ן טויט פון יוזעף פילסודסקי איז אוועק איינער פון די גרויסע פוילישע ראמאנטיקער, וועלכע האבען פראקטיש אדורכגעפיהרט זייער חלום.

פילסודסקי האט כל ימיו געשטרעבט צו שאפען א גרויסע אונאבהענגיגע פוילישע מלוכה און ער האט זיין אידעאל דערגרייכט. ער האט אבער געשטרעבט נישט צו א סתם-פרייער פוילישער מלוכה, נאר צו א מלוכה, וואס זאל פערווירקליכען די אידעאלען פון די גרויסע פוילישע דיכטער, בעזונדערס פון סלאוואצקי'ן וועמען פילסודסקי האט ממש פערגעטערט.

ער האט געוואלט שאפען א מלוכה פון שטרענגער גערעכטיגקייט, פון פולער פרייהייט פאר אלע בירגער, וואס וואוינען אין פוילען, צו וואס פאר א רעליגיע און וואס פאר א נאציע זיי זאלען נישט געהערען. ער האט געוואלט, אז פוילען זאל דיענען אלס מוסטער אין דער וועלט, נישט נור אלט מוסטער פון העלדישקייט, נאר אויך און איבערהויפט אלס מוסטער פון גערעכטער בעציהונג, סיי צו אייגענע בירגער, סיי צו אלע אנדערע מלוכות.

אויב פילסודסקי האט דעם אידעאל פון אנ'אונאבהענגיגער פוילישער מלוכה יא דערציעלט און ויינע ריינע משיח-טרוימען האט ער נאך נישט פולקאם געהאט דערגרייכט — איז עס נישט דערפאר, וואס אט די אידעאלען זענען איהם געווען ווייניגער טייער, נאר דערפאר ווייל ס'איז פיעל לייכטער צו פערווירקליכען דאס ערשטע, איידער דאס צווייטע — דאס העכערע, וואס צו דער פערווירקליכונג פון די דאזיגע טרוימען דארף מען האבען גאנצע דורות פון העכערער גייסטיגער ענטוויקלונג.

פילסודסקי לעבט נישט מעהר אבער זיין גייסטיגע ירושה איז געבליבען ביים פאלק און פאר זיינע נאכפאלגער עס אויסצופיהרען. מיר יודען האבען פיעל ערווארט פון דעם גרויסען אידעאליסט, און כאטש ער האט זיך בעצויגען צו אונז יודען פאטערליך און מיט גערעכטיגקייט-געפיהל, האבען מיר דאך ערווארט דעם גרויסען נס, אז מיר יודען זאלען געניסען און לעבען פון די זעלבע רעכט, וואס אלע בירגער, און אויב דאס איז נאך נישט געלונגען צוליעב דער קאניונקטור, צוליעב די פון דורות איינגעווארצעלטע בעציהונגען צו יודען, זענען מיר אבער זיכער, אז דער גרויסער גייסט פילסודסקי וואלט עס מיט זיין אייזערנעם ווילען און גרויס מענשליך הארץ אדורכגעפיהרט.

טראץ די אלע בייזווילליגע הינטער קוליסען-שפיעל פון די ענדעקעס, וועלכע ווילען אונטערגראבען דעם יסוד פון גערעכטיגקייט, וואס הערשט אין פוילען, וועט זיי האפענטליך נישט געלונגען, ווייל צו טיעף איינגעווארצעלט זענען ביים פאלק די גרויסע אידעאלען פון יוזעף פילסודסקי און דאס גאנצע פוילישע פאלק וועט געהן אויף די זעלבע וועגען, ווי עס איז געגאנגען און ווי עס האט געלערנט יוזעף פילסודסקי.

זאלען מיר אויך האפען, אז אויך בנוגע צו אונז יודען, וועלען די נאכפאלגער פון מארשאל פילסודסקי אדורכפיהרען די אידעאלען פון גרויסען גייסט פילסודסקי, אז זיי וועלען געהן—אויף די זעלבע וועגען.

ש.

ברוך הבא!

(צום בעזוך פון פרעזידענט זאב זשאבאטינסקי אין טשענסטאכאוו).

קומענדען מיטוואך וועט די טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג האבען די געלעגענהייט צו בעגריסען ביי זיך אלס גאסט איינעם פון די אנגעזעהענסטע פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, גרינדער און פרעזידענט פונ'ם וועלט-פערבאנד פון ציוניסטען רעוויזיאניסטען — זאב זשאבאטינסקי, וועלכער האט בעת זיין קורצען אויפענטהאלט אין פוילען בעשלאסען אויך צו בעזוכען אונזער שטאדט טשענסטאכאוו.

דער נאמען זאב זשאבאטינסקי איז ווייט און ברייט בעקאנט אין אלע ווינקעלען פון דער יודישער וועלט, סיי מיט זיין שריפטשטעלערישער פעדער, סיי מיט זיין ווארט און סיי מיט זיינע טהאטען אלס מוטיגער קעמפער פאר'ן יודישען כבוד, האט ער זיך ערווארבען איינעם פון די בעדייטענדע פלעצער אין לעבען פונ'ם יודישען פאלק. ווי א ליכטיגער זייל איז ער געגאנגען פאר דער יודישער יוגענד, רופענדיג זי צו ערהאבענע אויפגאבען, צום נאציאנאלען שטאלץ, צום גלויבען אין אייגענעם ווילען.

דער שעפער פון יודישען לעגיאן, דער געפאנגענער פון עכו, איז איינער פון די אנערקענטסטע פיהרער פון היינטיגען דור, וואס זעהט אין איהם דעם פאהן-טרעגער פון „מלכותישראל", די יודישע מלוכה, וואס מוז צוריקגעשטעלט ווערען אין איהר אלטער היים אין פולען גלאנץ.

זאב זשאבאטינסקי איז אויך דער וואונדערבארער קינסטלער פון ווארט, דער גאט - געבענשטער רעדנער און שריפטשטעלער, וואס קאן אזוי מייסטערהאפט איבערגעבען זיינע איינדריקען און געדאנקען דעם צוהערער און לעזער, אזוי לייכט און גראציעז, אזוי שפילענדיג און גלייכצייטיג איבערצייגענד, אז זיינע רעדעס און ארטיקלען פערשאפען אנ'אונערשעפליכען גייסטיגען גענוס, דער לעזער ווערט מיטגעריסען מיט זיינע שילדערונגען, ווערט געפאנגען דורך דער קראפט פון זיין איבערצייגונגס-טאלענט.

זאב זשאבאטינסקי'ס וואגיגע ווארט איז אין דער יעצטיגער קריטישער צייט פאר אונז פיעלפאך וויכטיג, ווייל ער איז דער פיהרער פון גרויסען פארמאט, זיין שטורמישער טעמפעראמענט און די גליהענדע היץ פון זיין אויסערגעוועהנליכער רעדנער-קראפט מאכען איהם פאר א פאלקס-טריבון.

איבערהויפט איז דער יעצטיגער מאמענט זעהר וויכטיג צוליב דעם שאפען די נייע אונאבהענגיגע ציוניסטישע ארגאניזאציע וועמענס שטרעבונג איז צוריק צו הערצל'ס פראגראם און שאפונג.

מיר בעגריסען איהם צו זיין קומען נאך טשענסטאכאוו מיט דעם טראדיציאנעלען ברוך הבא!

ברית הציונים הרבזיוניסטים
בפולניה סניף בצינסטוחובה.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים-פעראיין.

זונטאג, דעם 26 מאי 3 נאכמיטאג אין ערשטען און 4 נאכמיטאג אין צווייטען טערמין קומט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין.

אלע מיטגלידער דארפען אין זייער אייגענעם אינטערעס קומען אויף דער דאזיגער אלגעמיינער פערזאמלונג, וואו עס וועלען בעריהרט ווערען די אקטועלסטע לעבענס אינטערעסען, וועלכע זענען נוגע דאס היגע סוחר'טום.

די פייערליכע ערעפנונג פון דער הילפס-קאסע ביים מאלער-צעך.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער הילפס קאסע ביים מאלער-צעך.

דער סטארשי ה' מ. געלבער עפענט די פערזאמלונג און ווידמעט א פאר ווערטער דער ערעפנונג פון דער קאסע. דאן בעט ער צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דאס אנדענקען פון פערשטארבענעם מיטגליד ש. רובעל. עס נעמט דאן א ווארט דער פארזיצער פון דער קאסע ה' ר. וויען, אברהם גרוצא און לייכטער.

ה' געלבער שענקט דער ערשטער די סומע פון 50 זלאטעס פאר דער קאסע און ווערט איינגעשריבען אין גאלדענעם בוך. אזוי שענקען כסדר אלע איבריגע פערזאמעלטע ווי אויך עטליכע אייגענטימער פון פארבענגעשעפטען, אזוי אז די קאסע האט שוין ביז'ן היינטיגען טאג א סומע פון איבער 2 טויזענד זלאטעס.

צום סוף איז פארגעקומען א פייערליכער באנקעט.

די פייערליכע ערעפנונג פון דער הילפס-קאסע ביים שניידער-צעך.

שבת אווענד איז פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער הילפסקאסע ביים שניידער-צעך.

די פערזאמלונג עפענט דער פארזיצער פון דער קאסע ה' זלאטניק. דעם קאסע-בעריכט גיט-אב ה' פייגענבלאט, לויט וועלכען ס'ווייזט זיך ארויס, אז די קאסע צעהלט קנאפע 500 זלאטעס. נאכדעם ווי ס'ווערען נאך אויסגעוועהלט 2 מיטגלידער צו דער פערוואלטונג די ה"ה פרוכט און געלבהויער ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

נדבות פאר „תומכי עניים".

ה' מרדכי ווייספעלנער 50 קג. ברויט צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער ר' פנחס ז"ל, יחזקאל קאנגרעצקי 20 קג. ברויט צו דער יאהר-צייט פון זיין מוטער נ"ע שרה גיטל, מ. ליבעסקינד 20 קילא ברויט צו דער יאהר-צייט פון זיין מוטער דינה נ"ע. פאמיליע פראסקוראווסקי 20 קילא ברויט צום אבפאהרען נאך סאסנאוויץ.

קליינגקייטען.

ווען שטיינער רעדען...

אין חומש געפינען מיר א מעשה, אז ווען יעקב אבינו איז ארויס פון באר-שבע אויפ'ן וועג קיין פדן-ארם, איז איהם אויסגעקומען צו נעכטיגען אויפ'ן פרייען פעלד (עס איז מסתמא דאמאלס נאך נישט געווען קיין „הכנסת אורחים") האט ער צוזאמענגענומען שטיינער און זיך געמאכט א געלעגער. זאגט די רש"י, אז די שטיינער האבען זיך אנגעהויבען צו קריגען צווישען זיך, יעדער שטיין האט אלץ געוואלט ליגען צו-קאפענס פון יעקב אבינו—עליו ינוח צדיק את ראשו. האבען זיי זיך אזוי לאנג געקריגט, ביז פון אלע שטיינער איז געווארען איין שטיין...

די דאזיגע מעשה האט זיך געלעזען ווי עפעס א לעגענדע, ווארום ווי איז שייך, אז שטיינער, וואס זענען בבחינת דומם, זאלען פלוצים אנהויבען רעדען און זיך זאגאר קריגען. מילא, ווען בלעם'ס אייזעל האט אנגעהויבען רעדען, איז ער דאך פארט א בעל-חי, טאקע אנ'אייזעל, אבער א לעבעדיג בעשעפעניש איז עס דאך. אט געפינען מיר אפילו היינט א סך אייזלען, וואס רעדען, זענען ווארט-פיהרער, פארטיילידער, קאכלעפעל א. ד. ג"ל. אדער אז שטיינער זאלען קאנען רעדען, איז ווירקליך נישט געווען צו פערשטעהן מיט'ן שכל. מיר האבען זיך דעריבער בעצויגען צו רש"י'ס אויספיהר אביסעל סקעפטיש. ווייזט זיך אבער ארויס, אז רש"י איז געווען גערעכט. אויך שטיינער קאנען רעדען והראיה-אט האב איך געכאפט יענע וואך א שמועס מיט שטיינער, יא מיט געוועהנליכע שטיינער, וועלכע האבען מיר אנדערצעהלט אזעלכעס, וואס איך וויל טאקע אייך מיינע לעזער איבערגעבען. דאס זענען די שטיינער, וועלכע האבען זיך יאהרען לאנג געפינען אויפ'ן נייעם מארק און היינט רייסט מען זיי פון דארט ארויס און מען פלאנצט זיי איבער אין אנדערע געגענדען.

אינדערפריה איז דאס געווען, בעת די ארבייטער זענען געקומען און האבען מיט אייזענס אויסגעגראבען די שטיינער, זיי אוועקגעלעגט אין דער זייט, כדי שפעטער זיי ארויפצווארפען אויף דער פיהר און אוועקפיהרען.

קוקענדיג אויף די דאזיגע שטיינער האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זיי זענען עפעס טרויעריג, ווינקען צו מיר ווי זיי וואלטען מיר עפעס געוואלט זאגען, האב איך זיך צו זיי צוגעריקט און אט וואס זיי האבען מיר דערצעהלט:

צעהנדלינגער יאהרען זענען מיר דא געלעגען, זיך צוגעקוקט צום האנדעל, געזעהען ווי אזוי די מארקשטעהער ווערען פערשווארצט, רייסען זיך איבער א קונה, ווי אזוי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ, און ווען מען לייזט שוין דאס שטיקעל טחורה, פערדינט מען קוים אויפ'ן טריקען שטיקעל ברויט און סך מאל אויף דעם אויך נישט. מיר האבען געדולדיג אריבערגעטראגען די פיין און ליידען פון די, וועלכע האבען אויף אונזערע קעפ געמאכט זייער האנדעלס-ארט. מיר האבען זיך צוגעהערט צו די פערשידענע קללות, מיט וועלכע די קאנקורענטען האבען זיך איינער דעם אנדערען מכבד געווען. מיר האבען אויך פון צייט צו צייט געפיהלט די טרעהרען, וואס רינען פון די אויגען פון די הענדלער. מיר האבען געקיהלט זייערע פיס בעת דער ברענענדער היץ, מיר האבען געדולדיג אריבערגעטראגען זייער קלאפען מיט די פיס אונזערע קעפ ווינטער, בעת ס'איז זיי געווען קאלט. מיר זענען טאקע שטיינער, נאר שטיינער האבען אויך הערצער און מיר האבען געהאט מיטלייד מיט די דאזיגע מענשליכע ברואים. ווען ס'איז בעשערט אזויפיעל צו ליידען אויף דער וועלט. פערקעהרט, מיר זענען נאך ביז א געוויסער מאס געווען שטאלץ, וואס ס'איז אויסגעפאלען דער גורל, אז אויף אונז זאלען געפינען א מקום-מקלט די געפלאגטע מענשען, ווען דער גורל האט פער'משפט צו ציהען פרנסה, צו דערהאלטען זייער לעבען און דאס לעבען פון זייער משפחה אויפ'ן פרייען פלאץ, וואו זיי מוזען אויסשטעהן אלע קאפריזען פון דער נאטור—רעגענס און היצען. קעלט און שנייען. שטורעמס און ווינטען.

מיר זענען געדולדיג, אזוי ווי מיר שטיינער קאנען עס, זיך רוהיג געלעגען און איינגעזאפט דעם גרויסען אונ'ענדליכען ים פון ליידען און מענשליכע צרות.

נישטא דער דיכטער, וואס זאל קאנען אבשילדערען דעם גרויסען פיין און מענשליכע יסורים, צו וועלכע מיר האבען אין משך פון יאהרען זיך צוגעקוקט, און דאך איז אונז געווען גוט. מיר האבען געפיהלט, אז מיר נעמען אנטייל אין א גרויסער הייליגער זאך, מיר ווערען געלייטערט דערמיט, וואס מיר זענען די יעניגע, וועלכע גיבען די מארקשטעהער א פעסטערן באדען...

פלוצים איז ארויס א ביטערע גזירה: דער נייער מארק ווערט בטל פאר'ן האנדעל, און כדי דאס צו דאקומענטירען, רייסט מען אונז אויס מיט'ן ווארצעל, פערטרייבט מען אונז פון אונזער מקום-מנוחה, און ווער ווייסט וואוהין מיר וועלען מגולגל ווערען. מיר האבען שוין געוואלט אזוי אונזער גאנצען לעבען פערבלייבען אט מיט די דאזיגע פערוואגלטע פער'חושכ'טע מארק הענדלער, נאר ווי איהר זעהט איז דאס אונז נישט בעשערט; ס'הארץ וויינט אין אונז, מיר קאנען נישט געפינען קיין טרייסט, מיר זארגען זיך נישט פאר אונז, אונז טהוט נאר וועה די לאגע פון אונזערע לאנגיעהריגע שכנים—די מארק שטעהער, וועלכע האבען אויך פערלוירען דעם שטיינערנעם באדען אונטער די פיס.

קוקענדיג אויף די שטיינער האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זיי פערגעהן זיך אין א געוויין, ווייל ארום און ארום האבען זיך פערשפרייט שווארצע וואלקאנס און די שטיינער זענען נאס געווארען...

מיר איז אומעטיג געווארען אויפ'ן הארצען, א שוידער איז אדורך דורכ'ן לייב, הערענדיג, אז שטיינער הויבען אן רעדען...

גיפט-מישער.

אין מיטעלאלטער האבען די פינסטערע מאסען חושד געווען די יודען אין כשוף און אין גיפט-מישעריי; אויך האט מען בעשאפען די עלילת-דם-בולבולים, וואס האבען געקאסט דאס לעבען פון הונדערטער, טויזענדער יודען.

אין 20-טען יאהרהונדערט — האט מען געקענט גלויבען — וועלען זיך אזעלכע דומהייטען שוין נישט ווידערהאלען, און פונדעסטוועגען? איז אויפגעשטאנען א היטלער און מען קייעט איבער די אלע נארישע, לעכערליכע בלבולים אויף יודען.

אך און וועה איז צו זיי, אז מען האט שוין נישט קיין אנדערע ארגומענטען צוצוציהען די מאסען, נאר מיט די יודען-ארגומענטען.

אט די אלע שונאי ישראלים פון דעם שניט זענען גיפט-מישער, זיי טהוען דאס זעלבע וואס די אמאליגע כשוף-מאכער, וועלכע זענען געווען גיפט-מישער און דעם עולם פערבלענדט.

דער בערנער פראצעס מיט די מכלומרש'טע זקני-ציון פראטאקאלען, איז אויך געווען אזא גיפט-מישעריי, וואס ווען מען האט עס אנאליזירט דורך ספעציאליסטען, האט עס זיך ארויסגעוויזען אלס א נאריש ביסעל וואסער. וועלכע איז געווען עלול נאר צו פערדרעהען דעם קאפ פון דעם נאאיווען עולם.

גיפט-מישער זענען היינט פערהאן א סך און אויף אלע געביטען. אפילו אין אונזער פאך זענען אויך פערהאנען גיפט-מישער, וועלכע האקען א טשייניק, טשעפען זיך צו דער וועלט, האבען פרעטענציעס, מאכען דעם אנשטעל, אז מען געהט אויף זייער לעבען און פאקטיש האט זיי קיינער נישט אין זינען...

אין געזעלשאפטליכען און אין פאליטישען לעבען זענען אויך פערהאנען גיפט-מישער, וועלכע ווילען פערבלענדען דעם עולם, כדי מען זאל נישט ארויסזעהן זייער אמת'ן פרצוף. זיי ווילען מיט דעם דאזיגען גיפט פער'סמ'ען אלעמען, כדי צו קענען זיי פערפיהרען.

אין דער גאנצער וועלט, ביי אלע ארבייטען, ביי יעדער געלעגענהייט געפינען זיך גיפט-מישער, וועלכע האלטען אין איין מישען, און דער גרויסער עולם, וועלכער איז לרוב נאאיוו, קוקט זיך צו מיט א פערכאפטען אטעם צו דעם דאזיגען גרויסען טאפ, וואו ס'ווערט געמישט דער דאזיגער גיפט.

פון די דאזיגע גיפטען זענען שוין א סך מענשען פער'סמ'ט געווארען, א סך מעהר פון די, וועלכע זענען געפאלען אין מלחמות.

אזא צייט איז היינט און אזא וועלט, אז מען האט צו טהוען מיט גיפט-מישער.

סמאל.

י. קרעלמאן.

דער פאלקס=דערציהער.

ווער האט עס געזאגט, אז גרויסע מענשען זענען א פראדוקט פון זייער צייט? דאס איז א ליגען. נישט אלע מענשען פאסען צו זייער צייט. אייניגע ווערען געבוירען צו פריה, אנדערע צו שפעט. וואס וואלט געשעהן מיט דער וועלט, מיט'ן מענשליכען פראגרעס, ווען אלע מענשען וואלטען געבוירען געווארען אין „זייער" צייט. דאס גרעסטע גליק פון יעדען פאלק און פון דער גאנצער מענשהייט בעשטעהט אין דעם, וואס א טייל פון זיי ווערען געבוירען צו פ ר י ה און שלעפען נאך זיך אלע אנדערע, זיי זענען מענשען פון דער צוקונפט.

זאב זשאבאטינסקי איז נישט געווען און איז נישט קיין מענש פון זיין צייט, זיין דור. ער איז געקומען צו אונז, איך וואלט געזאגט „פער צופאל", עפעס ווי א זעלטענער מעטעאר פון א ווייטער גאלדענער וועלט אויף אונזער קלאגעדיגער ערד, ווי א פרעמדער, אנ'אנדערער, אהן א גלייכען או זיך, אנ'אוניקאט.

ער איז אויסגעוואקסען און יודישען גלות, האט זיך דערצויגען אין א יודישער סביבה, אבער זי האט איהם נישט פערדייעט, נישט איבערגעארבייט אויף איהר שטייגער און איהר מוסטער. ער איז געבליבען דאס, וואס ער איז געווען אין טאג פון זיין געבורט, א פרעמדער קערפער אין גלות'דיגען פאלקס-ארגאניזם, וואס האט זיך זיין וועג און זיינע ענטוויקלונגס-וועגען.

דאס יודישע געטהא איז איהם געווען נישט נאר פרעמד, נאר אויך פיינדליך. ער האט עס פיינט געהאט מיט דער גאנצער קראפט פון זיין יונגער, גליהענדער נשמה. זיין גאנץ וועזען איז געווען א קאנטראסט און א ב ו נ ט נעגען גלות. ווייל וואס איז גלות? אייביגע קנעכטשאפט, אייביגע חרפה, שמוץ און בלאטע אין די טיפענישען פון א שווארצער קאשמאר-נאכט; א גרויסער רירעוודיגער זומפ, וואו ס'בעוועגען זיך און לעבען מיליאנען נעבעכדיגע נפשות, האלב-מענשען, אייביגע אינוואלידען, שענדליכע קאריקאטור'ען פון גאטס שעהנע בעשעפענישען, מענשען געטרודפ'טע, געיאגטע און צושראקענע, וואס גנב'ענען א טאג און גנב'ענען אנ'אטעם; א ים פון טרערען, אומבעשרייבליכע פיין און ליידען, אנ'אפענע, טריפענדע וואונד, ווי קען מען דאס מיטמאכען, א ז א לעבען פיהרען?

יעדעס יודישע צושראקענע פנים, יעדער פערקריפעלטער יודישער קערפער, איז געווען פאר איהם א פאטש אין פנים, א ריס, א שמערצליכער קלעם פון הארצען.

ניין! דאס איז קיין לעבען נישט! ס'איז שוין בעסער ווירדיג צו שטארבען און איבערלאזען א גוטען נאמען.

פאר די אויגען פון זיין נשמה האט געשוועבט א בילד פון אנ'אנדער לעבען. דאס לעבען פון א זיגעריש, גרויס פאלק, וואס איז געווען שטארק ווי אייזען און צארט ווי א בלום, נקמה-נעהמענד און פול מיט רחמנות, שטארק און טיעף געדעכט, פריי, ארבייטענדיג, זינגענדיג... ער האט געזעהען פאר זיך דאס קליינע, אבער וואונדערבארע לאנד מיט זיין רויטליכער, בארגיגער ערד, וואס איז זינט דריי טויזענד יאהר דער צענטער, דער קוויל פון דער וועלט, וואס האט אריינגעזאפט אין זיך מעהר העברעאיש בלוט וויפיל וואסער עס פליסט היינט אין איהרע טיפענישען, א לאנד, וואס האט שוין געהאט פיעל הארען איבער זיך און איז דאך געבליבען טריי די פערזאגטע זיהן איהרע...

די שנאה צום גלות און דאס שטרעבען צו פערווירקליכען דעם גאלדענעם העברעאישען מ י ט זענען דער ערשטער און דער לעצטער מאטאר פון זיין גאנצער לעבענס-טעטיגקייט.

מען קען רעדען וועגען זשאבאטינסקי דעם פאליטיקער, דעם רעדנער, דעם שרייבער, פובליציסט, דיכטער א. א. וו. אבער דאס אלץ איז נישט מעהר ווי פערשידענע זייטען פון איין און דער זעלבער דערשיינונג: זשאבאטינסקי דער פאלקס-דערציהער.

אין משך פון זיין לאנגיעהריגער ארבייט האט ער אלעמאל און אומעטום דערצויגען די יודישע מאסען צו א פ א ל ק ס - צ י ו נ י ז ם. ער האט בעקעמפט דעם גלויבען, אז איין מענש קען אויפטוהן פאר'ן גאנצען פאלק, דאס גאנצע פאלק מוז אנטיילנעמען אינ'ם קאמף פאר ציון. ער האט געלערנט, אז ציוניזם איז נישט קיין בעקוועמע זאך און ער פאדערט פונ'ם פאלק הויכע קרבנות. ער האט געקעמפט געגען דער ג ב י ר א ק ר א ט י ע אין ציוניזם, געגען דעם שענדליכען פאקט, אז נישט-ציוניסטען מיט רייכע טייסטער'ס און קארגע הענד זאלען געוועלטיגען איבער אונזער פאליטיק. ער האט שטענדיג געגלויבט נאר אין דער מ א ס ע, דער ארימער, גרויער אבער אפפערווילליגער. ער האט אפאטעאזירט דאס פרייליכע, מוטיגע און גלויביגע קבצנות. ער האט געשטרעבט אויפצובויען און אמת'ן דעמאקראטישען מאסען-ציוניזם. און ענדליך האט ער שטענדיג געוועקט דאס פאלק צו א אקטיווען ציוניזם, צו א גרויס ציוניזם פון שוואונג, פאטאס און גרויסען טהאט.

א שווערע ארבייט איז איבערצואנדערשען א פסיכאלאגיע פון א פאלק. שווערער ווי שווער. דאס איז די אומדאנקבארסטע פון אלע אויפגאבען. נישט אין איין גענעראציע קען מען דאס בעווייזען. קנעכט בלייבען פארט קנעכט.

דעריבער ווענדעט זיך זשאבאטינסקי צו דער יוגענד, צו דער פרישער, נאכנישט דעמאראליזירטער און נאכנישט דעגענערירטער. ער גיט איהר א נייעס לעבענס-אידעאל און א נייע וועלט-אנשויאונג.

ער האט איהר געוויזען דעם וועג פון נאציאנאלען שטאלץ און נאציאנאלען קאמף ביז צום נצחון.

רעפלעקסען אויפ'ן מארגינעס פון בערנער פראצעס.

דאס יודענטום פון דער גאנצער וועלט האט מיט א פערשטארטען אטעם נאכגעפאלגט דעם פערלויף פון פראצעס וועגען די „פראטאקאלען פון די זקני ציון", פון וועלכע דער לעצטער שטאפ האט זיך לעצטענס אבגעשפילט אין בערן. דער דאזיגער פראצעס האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט נישט בלויז פון יודען נאר אויך פון זעהר פיעל ליבעראלע פערזענליכקייטען פון דער וויסענשאפטליכער, ליטעראַרישער, געזעלשאפטליכער און פאליטישער נ י ש ט - י ו ד י ש ע ר וועלט. דער בערנער פראצעס האט ארויסגערופען אזא געוואלטיגע פעראינטערעסירונג נישט דערפאר, ווייל זיין ציעל איז געווען צו שטעמפלען די „פראטאקאלען" אלס פאשקוויל און זיי צו קוואליפיצירען צום מין שונד-ליטעראטור, נאר ווייל די גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט ערווארט, אז דער דאזיגער משפט וועט ווערען דער סימבאל פון נצחון פון אמת איבער פאלשקייט און היפאקריזיע, א זיעג פון פרייהייט איבער געוואלדטהאטען און פון הומאניטאריזם איבער מיטעלאלטערליכען בארבאריזם.

ווען מיר אבסערווירען דעם פערלויף פון בערנער פראצעס, אינטערעסירען אונז ספעציעל צוויי מאמענטען: דאס ענטשטעהן און אויטאר ווי אויך דער אינהאלט פון די „פראטאקאלען".

לויט יעדער וואהרשיינליכקייט זענען די „פראטאקאלען" ענטשטאנען אין רוסלאנד אין דער עפאכע פון דער שווארצער רעאקציע. דער ציעל פון די אויטארען פון די „פראטאקאלען פון די זקני-ציון" איז געווען צו זערשטיקען די פרייהייטס-בעוועגונג, וועלכע האט זיך געקאנט ברענגען צום אונטערגאנג פון צאראט. דער בעקוועמסטער וועג דאס צו ערציעלען איז געווען צו לענקען די אויפמערקזאמקייט פון פינסטערען און צעווילדעוועטען רוסישען המון — שפייזענדיג איהם מיט די נידערטרעכטיגסטע געמיינהייטען פון די „פראטאקאלען"—אויף די יודען און צו פראוואצירען בלוטיגע פאגראמען, כדי די אלגעמיינע שנאה און ברויזענדע ליידענשאפטען פון די פויערים און שטאדט-איינוואוינער געגען דער צארישער רעגירונג זאלען זיך קענען אויסלאדענען אין אנטי-יודישע אונרוהען. דאמאלס איז ערשינען (1905) דאס בוך פון פראפעסאר סערגיעי נילוס. דאס דאזיגע ווערק האט געזאלט כלומרשט זיין א געהיימער פראטאקאל פון די זיצונגען פון ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל (1897).

פון אינהאלט פון דאזיגען פאמפלעט דערוויסען מיר זיך, אז „אויף דעם קאנגרעס אין באזעל זענען זיך צונויפגעקומען די מייסטער פון אלע מאסאנישע לאזשעס, פערשטעהט זיך, אז לויטער יודען, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט א פלאן צו עראבערען די וועלט פאר'ן יודענטום. די לאזשעס, וועלכע ווערען אנגעפיהרט דורך יודען, האבען שוין זינט לאנג אונטערגעגראבען די וועלט-ארדנונג, והא ראיה, אז אלע אונטערערדי'שע באהנען זענען א ווערק פון די יודען, כדי דאו'ט אנצוזאמלען פעסלעך שוס-פולווער און דינאמיט און — ווען ס'וועט נויטיג זיין — אויפצורייסען די וועלט. דער כח פון די יודען איז דער סאציאליזם און קאפיטאליזם, אוניווערזיטעטען און די פרעסע, זייערע משרתים זענען דער פראלעטאריאט און די בורזשואזיע. יודען אין מאסאנען העצען דאס פאלק געגען דער רעגירונג און די רעגירונג געגען דעם פאלק און אויף אזא אופן רופען זיי ארויס רייבונגען און קריגערייען, וועלכע גראבען אונטער די קריסטליכע וועלט, הויבענדיג גלייכצייטיג דעם קראפט פון יודענטום. דער ציעל פון יודענטום איז ארויסצורופען א וועלט-קריעג, כדי אויף די חרבות פון דער וועלט צוריקצושטעלען דעם מלכות דוד, וואס וועט קעניגען איבער דער גאנצער וועלט".

אט אזעלכע געמיינע ליגענס און נידערטרעכטיגע, נארישע פלאפלערייען ענטהאלטען די „פראטאקאלען פון די זקני-ציון".

די עקספערטען פון יודישען צד און פון טריבונאל האבען אין בערן געגעבען א געהעריגען ענטפער אלע אויטארען, קאמענטאטארען און „זאכקענער" (פון פליישהויערס טיפ) די „פראטאקאלען" זענען עפענטליך געשטעמפעלט געווארען, אנערקענט אלס פאלסיפיקאט און קוואליפיצירט אלס שונד-ליטעראטור. די קאלפארטערען פון דער שווייצארישער אויסגאבע פון די פראטאקאלען זענען פאר'משפט געווארען אויף געלד-שטראף פאר פערשפרייטען ליטעראטור, וואס העצט איין טייל בעפעלקערונג געגען דער צווייטער.

אבער טראץ דעם, אויפ'ן ערשטען אנבליק צופרידענשטעלענדען געריכטס-אורטייל איז דער נצחון נישט קיין פולשטענדיגער. די „פראטאקאלען פון די זקני-ציון" זענען נישט געווען דער ערשטער און אודאי אויך נישט דער לעצטער בלבול געגען יודען. זיי זענען בלויז א רינג אין דער לאנגער קייט בלבולים, ליגענס, פראצעסען וועגען ריטועלען מארד, פער'סמ'ען ברונעמס א. ד. גל., וואס מ'האט געגען יודען אויסגעטראכט זינט מיר האבען פערלוירען אונזער אונאבהענגיגקייט ביז'ן היינטיגען טאג. און די דאזיגע פלאג פון בארבארישען מיטעלאלטער וועט פון אונזער היסטאריע נישט פערשוואונדען ווערען אזוי לאנג ביז דאס יודישע פאלק וועט נישט פערנעמען א געהעריג ארט אלס „פאר אינטרא פארעס" אלס גלייכע צווישען גלייכע, צווישען די אונאבהענגיגע מלוכות פון דער וועלט.

ש. פרידמאן.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

א לעבעדיגע לעגענדע.

עס איז אוועק אויף אייביג איינער פון די גרעסטע מענשען פון אונזער דור. א מענש, וועלכער האט זיין לעבען באלד פון זיין יוגענד אן מקריב געווען פאר זיין פאלק.

פערשידענע צייטען האט ער אדורכגעלעבט—נצחונות און אויך מפלות, געווען פערפאלגט פון די צארישע תלינים, זיך געשלעפט אין סיביר, אבער דאס הייליגע פייער האט זיך קיינמאל אין איהם נישט אויסגעלאשען; שטענדיג געטרוימט און די טרוימען ענדליך אין פאקטען פערוואנדעלט, ביז ער האט דערגרייכט זיין ציעל—א בעפרייט גרויס פוילען.

דער דאזיגער ריעז איז ליידער געפאלען. א שווערע קראנקהייט האט זיין קערפער געטויט, אבער דער דאזיגער גייסט, וועלכער האט אין משך פון צעהנדליגער יאהרען געזייהט ליבע צום פאלק ארדנונג און טיעפע אונבעגרינדעטע צוגעבינדענקייט צום לאנד, וועט אויף שטענדיג שוועבען צווישען אונז.

כ'ווייס נישט צי נאך א מענש האט געקאנט ביים לעבען אזויפיעל אכטונג און איבערגעבענקייט צו זיך שאפען, ווי יוזעף פילסודסקי. מענשען, וועלכע האבען איהם גאהנט נישט געקאנט, מענשען, וועלכע זענען געווען ווייט פון פאליטישען לעבען, האבען אויך איהם פערגעטערט און נאך ביים לעבען איז ער געווארען א לעגענדע—א לעבעדיגע לעגענדע.

ווי נאר ער איז געשטארבען, איז די דאזיגע לעגענדע יוזעף פילסודסקי אויסגעוואקסען צו א נישט דערגרייכבארע פיגור, וואס ס'איז פאקטיש נישט מעגליך אבצושאצען.

איך האב בייגעוואוינט די אלע אקאדעמיעס, טרויער-זיצונגען און די טרייהייטס-שבועה'ס; און יעדעס מאל, ווען מען האט דערמאנט דעם נאמען פילסודסקי, איז אלעמען א ציטער אדורך דעם לייב. מען האט קלאר געזעהען, אז אלע ארומיגע, אז אלע, סיי די רעדנער און סיי אלע צוהערער האבען דעם זעלבען ציטער געפיהלט, דאס איז נישט געווען גלאט א צערעמאניע א שאבלאנאווע, כדי יוצא צו זיין, נאר דאס קומט פון טיעפען הארצען, דאס קומט פון אונבעגרעניצטער אכטונג און ליבע צו דעם גרויסען, און פון אלע געאכטעטען גייסט, וואס עס האט אין זיך פערקערפערט יוזעף פילסודסקי.

א גרויס אומגליק איז געשעהן דעם פוילישען פאלק. ער האט דאך נאך געקאנט לעבען, אט דער דאזיגער גרעסטער פאלאק, דער לייב, דער גייסטיגער ריעז, און ס'איז אזוי פיינליך ס'פערדריסט אזוי שטארק, וואס דער אונ'ברחמנות'דיגער טויט האט זיך צוגעאיילט און צוגענומען דעם איינציגען, דעם בעסטען פון צווישען אונז.

דריי פיערטעל פון זיין לעבען האט ער געקעמפט פאר א בעפרייט פוילען און נאר אין דעם איבעריגען ביסעל יאהרען האט ער געזעהען זיין חלום אלס א ווירקליכען פאקט.

מיר בויגען דעם קאפ פאר'ן קבר פון דעם גרויסען פיהרער. אזוי לאנג ווי מיר וועלען לעבען וועלען מיר טראגען אין אונזער הארצען דעם נאמען פון א בעפרייער פון א לעבעדיגער לעגענדע.

דאס גרויסע פערברעכען...

כ'זעה אין גאס א צוזאמענגעלויף, פערשטעהט זיך, אז איך בין נייגעריג צו וויסען, וואס ס'איז געשעהן; אפשר א שרפה, א גנבה, א קאטאסטראפע אדער כ'ווייס — אפשר שלאגט מען גלאט אזוי יודען. איך האב אפילו נישט געטראפען, אבער דאך איז געשעהן א גרויס „פערברעכען", דהיינו— מען האט געכאפט א יודישען יונגעמאן מיט — בייגעל.

צעהנדליגער מאל טרעפט איבער'ן טאג, ווען כוליגאנעס פאלען אן אויף רוהיגע דורכגעהער, יודען פערשטעהט זיך, און שלאגען זיי, אדער מען האקט אויס שויבען אין יודישע געשעפטען און שא-שטיל, זעלטען, אז דאס זאל זיין אזא פערברעכען, אז די ארדנונגס-היטער זאלען שוין זיין אויפ'ן ארט און ארעסטירען די פערברעכער. טרעפט אבער א פאל, אז א בייגעל-הענדלער בעווייזט זיך אין גאס מיט דער סחורה, וואקסט תיכף אויס א פאליציאנט אדער א געהיים-אגענט און מען פאקט איהם שוין ביים פערברעכען.

אין דעם צוזאמענגעלויף, וועגען וועלכען איך דערצעהל אייך, איז אויך געשעהן אזא פאל. א בייגעל-הענדלער האט געוואגט צו פערקויפען בייגעל, האט איהם באלד געפאקט א געהיים-אגענט, וועלכער האט זיך נישט געקאנט מיט איהם קיין עצה געבען און ער האט דעריבער אלארמירט די מונדורירטע פאליציי, וועלכע איז באלד געקומען צו לויפען און אנגעפיהרט דעם „שרעקליכען פערברעכער" אין קאמיסאריאט אריין.

א גוטער איינפאל.

וועגען נייעם מארק, וואס איז אמאל געווען א מקום-פרנסה פאר עטליכע הונדערט פאמיליעס, מעג מען שוין זאגען עליו השלום — ס'איז שוין מעהר קיין מארק נישט; גאר אין קורצען וועט ווערען פון איהם א גארטען מיט בלומען און בוימער. דאגעגען אין אלטען מארק קאן מען יא נאך האנדלען, נאר דערווייל בלויז מיט לעבענס-מיטלען, צווישען וועלכע ס'געפונט זיך אויך דער האנדעל מיט אויבסט און גרינצייג.

איך ווייס אפילו נישט וועמענס איינפאל ס'איז געווען, נאר עס איז אזוי געשעהן, אז עמיצער האט ארויסגעזאגט א געדאנק, דאס מען זאל זאמלען א סומע געלד און מען זאל עס אוועקטראגען צום פרעזידענט אויף א פאנד אויפצושטעלען אויפ'ן געוועזענעם נייעם מארק א דענקמאל פאר'ן מארשאל פילסודסקי. און אומר ועושה: אין משך פון א האלבער שעה איז צווישען דער פרוכטען-סעקציע — יודען און קריסטען — צונויפגעשטעלט געווארען די סומע פון 50 זלאטעס און א דעלעגאציע, וואס איז בעשטאנען פון פרעזעס ראזענבערג, פון 4 יודען און איין קריסט, האט זיך פארגעשטעלט פאר'ן פרעזידענט, איהם פארגעלייגט דעם פראיעקט און אויך געגעבען די 50 זלאטעס. דערביי האט די דעלעגאציע דערצעהלט מיט וואס פאר א בעגייסטערונג די פרוכטען-מארק-שטעהער האבען אויפגענומען דעם פראיעקט און געגעבען דערויף זייערע נדבות. עס זענען זאגאר געווען אזעלכע, וועלכע האבען אוועקגעשענקט אויפ'ן דאזיגען צוועק זייער גאנץ לייזונג, וואס איז בעשטאנען פון גראשענס.

דער פרעזידענט איז געווען געריהרט פון דעם דאזיגען איינפאל און צוגעזאגט זיך צו בעמיהען אויסצופיהרען זייער בקשה, די בקשה פון די, וואס האנדלען מיט גרינצייג און א ביסעל פרוכטען אין אלטען מארק.

דאס איז נאך נישט געווען.

זונטאג איז פארגעקומען אנ'הזכרה אין די היגע שוהלען צום אנדענקען פון דעם גרויסען פאלקס-פיהרער יוזעף פילסודסקי.

אין דער שטאדט-שוהל איז די תפלה געווען בעשטימט אויף 10 א זייגער פריה, און שוין האלב צעהן איז די שוהל געווען איבערפולט ביז איבער די ברעגען, אזוי אז אלע וועלכע זענען געקומען שפעטער, האבען שוין נישט געקאנט אריין.

אין דער שוהל זענען געווען פערזאמעלט צעהנדליגער דעלעגאציעס מיט זייערע פעהנער, ווי אויך יוגענד-ארגאניזאציעס און עטליכע טויזענד פרויען און מענער, ארים און רייך, אלט און יונג. טראץ דעם, וואס אונזערע

פ. בלומענקראנץ.

דער קאנפליקט צווישען שכל און געפיהל.

(רמב"ם – ר' יהודה הלוי)

(שטריכען).

(סוף).

די סבה פון ביז איצט געזאגטען איז טאקי די היפכ'דיגע איינשטעלונג און אין גרונד פערשידענארטיגער צוגאנג פון די צוויי גרויסע יודען צום ארום; דער געגענגעזעצטער קוק-ווינקעל, פון וועלכען זיי האבען אויסגעטייטשט אלע ערשיינונגען.

די דאזיגע איינשטעלונג געפינט דעריבער איהר אויסדרוק אין פערשידענע געביטען. דער רמב"ם צ. ב. מיט זיין קאנסעקווענטען ראציאנאליסטישען דענקער-חוש האט זיך מיט בטול בעציויגען צו מוזיק א. ז. וו. (ובפרי—נגון וכיוצא סהן מן הספרים, שאין בהם חכמה ולא תועלת גופני אלא אבוד הזמן בלבד. פרוש משניות, סנהדרין, פרק י') און ר' יהודה הלוי איז שטורמיש און בלויז געפיהל. ער זאגט:

אני היום והמון גליו,
לבי ים ממולא על גדותיו.

ער זינגט מיט בעגייסטערונג וועגען בעשאף און ר'איז פול עקסטאז פאר דעם ארום.

ער בעשרייבט דעם ערוואכענדען פריהלינג מיט די פרעכטיגסטע ווערטער און ס'האט נישט קיין שיעור צו זיין עקסטאז. ער רעדט וועגען פריהלינג און מיר האבען דעם איינדרוק, אז מ'לייענט דעם מאדערנעם מזרח-פאעט טאגארע'ן.

ער שרייבט (ציטירט אין פראזע לויט'ן דר. צינבורג):

„מיר וואנדערען רוהיג און שטיל אין די געדיכטע שאטענס פון די דופטנדיגע גארטען-אלעען, מיט א גליקליכען שמייכעל בעגעגענט די ערד די פערל-טרערען פונ'ם מארגען-טוי; זי לאכט און די טרערען שימערירען און גלאנצען, ווי טייערע געשליפענע שטיינער אויפ'ן געשמיקטען ברוסט-טוך. זי פערנעמט מיט שמחה דעם געזאנג פון יעדען פליגעל און הערט זיך איין, ווי דאס טייבעלע טורטעלט איהר געליבטען. זי זינגט און יובעלט דורך יעדען בלעטעל און מינדסטען גרעזעל, ווי א יונגע כלה אונטער'ן דעק-טוך; און אלץ טאנצט און יוכצט אין פרייליכען ראד".

לויט'ן רמב"ם איז די פאעטישע השתפכות-הנפש א גאטלעסטערונג וואס נאראנים בעגעהען (מ"וג I פרק 59) און ר' יהודה הלוי זינגט (אין דער תפלה „בכל לבי"):

„מיט'ן גאנצען הארץ, מיט'ן ברען פון מיין נשמה ליוב איך דיך, מיין גאט-בעשעפער! אין חלום און וואר בעגלייט מיך דיין נאמען – ווי קען איך דען איינזאם בלאנדזשען? דו ביזט דאך מיין פריינד – ווי קען איך בלייבען פערלאזען? דו ביזט מיין ליכט – ווי קען מיין שטערען אונטערגעהן?

לויט ר' יהודה הלוי קען מען נישט גאט משיג זיין מיט'ן שכל, און מיט'ן פארשער-געדאנק קען מען גישט דערגעהן דעם מהות פון גאט:

„לבי וקרבי ימצאוך – אך לא מחשבי ישואך".

דורכ'ן געדאנק איז מען נישט בכות משיג צו זיין די ברענענדיגע ליבע צו בעשעפער. די פילאזאפיע לערנט אונז בעגרייפען גאט עפ"י חקירה און די תורה לערנט אונז ווי אזוי גאט צו דערקענען, כדי איהם ליב צו האבען. ואגב: זעהר טרעפליך בעמערקט דר. קאראלניק („ווידערשפרוכען און ווידערקלאנגען") אין זיין פיינעם מאמר וועגען רמב"ם, אז „ביי זיי (דער מחבר פיהרט דא אדורך א פאראלעל צווישען רמב"ם און יוד. מיסטיק) איז חכמה נישט ליבע ווי ביי די קריסטען; גלויבען – ביים איסלאם; איינס זיין מיט גאט-וועלט – בורא, נור חכמה-פערשטעהן, חכמה-אידעע, חכמה – דער סינטעז פון אלצדינג און דער אנאליז פון זיך אליין"1.

שלימות הנפש איז לויט'ן רמב"ם שלימות השכלית. דער ענד-ציל איז צוצוקומען צום שכל-הנגנה און לויט ר' יהודה הלוי איז דער וויכטיגסטער פאקטאר די מאראלישע אויסבעסערונג, ווארום קיין שום פילאזאפישע שיטה קען נישט בעטראכט ווערען אלס אבסאלוטער אמת.

און להיפך פון רמב"ם'ס היפער-אריסטאקראטישער אויפפאסונג וועגען השגחה שרייבט דער הארציגער יוד ר' יהודה הלוי, אז קיינעם ווערט נישט אבגעלייקענט דער שכר פאר זיינע גוטע מעשים און יעדער מאראליש ריינער מענש איז זוכה צו עולם הבא („כוזרי" ב' סמן ג').

* * *

און וואס האט אונז דאס לעבען געוויזען?

ווען אין דעם ארום האבען געהערשט עמפיריסטישע ריכטונגען און דער שכל האט דאמינירט (18 יאהר הונדערט) האט זיך ביי יודען בעוויזען (אמת, אין א גרויסער מאס אלס פראדוקט פון דער דעמאלסדיגער יוד. לאגע) די בעוועגונג, וואס איז געווען א המשך פון נביאות און קבלה—דאס חסידות.

אין אזויפיעל יאהר הונדערטער ארום איז געקומען דער שארפסטער פראטעסט געגען דעם רעליגיעזען אריסטאקראטיזם.

אמת, מ'האט ווייטער זיך געהאלטען אין די רועי-צאן. און ווייטער געטיילט די מענשען אויף אויסדערוועהלטע און מאסע, אבער זיי האבען זיך געגענזייטיג ערגענצט. „דער צדיק דארפט די מאסע—זאגט ר' יעקב יוסף אין תולדות י"י—ווי די מאסע דעם צדיק. ס'איז הא בהא תליא. זיי בילדען צוזאמען דעם סולם". ווארום דאס חסידות איז געווען כידוע א פראטעסט געגען דער בטול-בעציהונג פון תלמיד-חכם צום המון: דורך א פיף קען מען מעלה זיין אלע תפלות.

און מאדנע: דאס וואס דער ראב"ד האט געטהון מיט זיין חריפות אין 12 יאהרהונדערט, און ר' שלמה מההר מיט זיינע תלמידים אין 13 י"ה, האט דאס חסידות אויף אנ'אנדערען אופן, מיט פשטות, געטהון 500 יאהר שפעטער.

מ'האט צוריק מקרב געווען דעם מענש צו גאט: „ד' צלך—טייטשט דער „קדושת לוי" (נשא), אזוי ווי דער שאטען טהוט וואס דער מענש טהוט, אזוי טהוט כביכול, וואס דער מענש טהוט".

מ'האט אומגעקעהרט צו דינען גאט דורך ליבע און התלהבות: „ווען ר' צבי—ווערט דערצעהלט—האט געפרעגט אין חלום דעם בעש"ט ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטען, האט זיך איהם אויסגעדאכט א הויכער בארג אונטערן הימעל און ביים בארג אנ'אבגרונד. דער בעש"ט איז געשטאנען אויפ'ן בארג און אריינגעווארפען זיך אין דער טיפעניש און זיי גלידער זענען צושמעטערט געווארען. און דעמאלט האט ער געזאגט: אזוי דינט מען דעם אויבערשטען".

און וואס פארא נאהנטקייט צווישען דער דאזיגער התלבות'דיגקייט און בעגער צו דערנהנטערען זיך צו גאט און ר' יהודה הלוי, וועלכער האט געזונגען:

„דרשתי קרבתך בכל לבי קראתיך
ובצאתי לקראתך – לקראתי מצאתיך"...

* * *

יודען בעוואונדערען און בויגען די קעפ פאר דער מעכטיגקייט פון רמב"ם'ס מוח, פאר זיין ענציקלאפעדיש וויסען, פאר זיין אייזערנער לאגיק, אבער פונדעסטוועגען ווארעמען זיי זיך ביי ר' יהודה הלוי'ס און גלויבען גלייך מיט זיי אהן ראיות פון „בעוועגטע און בעוועגער", ווארום אויב דער שכל האט אנגעוואוירען (אין אונזער צייט בעזונדער'ס) א סך פון זיין אויטאריטעט, האט ער גארנישט אנגעהויבען פערנעמען אנ'ארט אין די ספערען פון פיהלונגען, פונ'ם ריינעם רגש, פון וועלכען אמונה איז די מעכטיגסטע עמאנאציע...

טרויער-פאסט-מארקען.

דעם 15 ד. ח. זענען ארויסגעלאזט געווארען נייע פאסט-מארקען, דאס זענען טרויער-מארקען און דער פרייז איז פון 5, 15, 25, 45 גראשען און צו 1 זלאטע.

א חוץ דעם וועלען ארויסגעלאזט ווערען פאסט-מארקעס צו 25 גר. אין צוזאמענהאנג מיט אנשיטען דעם געדענקס-בארג אויפ'ן נאמען פון מארשאל פילסודסקי.

די דאזיגע פאסט-מארקען וועלען זיין אין גאנג נאר אין דער צייט פון טרויער און ביז עס וועט אנגעשיט ווערען דער געדענקס-בארג שפעטער וועלען גילטען די נארמאלע מארקען.

א גרוס פון „אראראט" פאר זיינע טשענסטאכאווער פערעהרער.

דער ערשטער אויסלאנד-טורנעע פון אונזער בעריהמטען און בעליבטען קליינקונסט-טעאטער „אראראט" (קינסט. אנפ. משה בראדערזאן) האט זיך אנגעהויבען אין א מזל'דיגער שעה און, ווי מיר דערוויסען זיך האבען זיינע גאסטשפילען אין פאריז, אין איינעם פון די גרעסטע וועלט-טעאטערן „מיטיאליטע" אנ'אויסערגעוועהנליכען ערפאלג.

דער „אראראט" איז אין פאריז בעגעגענט געווארען מיט הארציגער ענטוזיאסטישער אנערקענונג און ליבשאפט, ווי אנ'אנגעלעגטער לאנג-ערווארטעטער גאסט ארער קרוב און סיי די צעהנדליגער טויזענדער פאריזער יודען, סיי די מאסגעבענדע ערנסטע פרעסע קאן זיך גאר נישט אבלויבען פאר דער יוגענזיליכער פרייד און האפערדיגקייט, וואס די טאלענטפולע אראראטלער האבען מיט זיך מיטגעבראכט.

די גאסטשפילען אין פאריז האלטען זיך שוין ביים פערענדיגען (זיי וועלען האבען געדויערט 5 וואכען) און לויט'ן געשלאסענעם קאנטראקט דארף נאך דער „אראראט" שפילען צוויי חדשים אין בעלגיען, האלאנד און ענגלאנד. עס זענען אויך אנגעקומען איינלאדונגען פאר איהם פון אמעריקא, עסטרייך, שווייץ, באלטישע לענדער, רומעניען. ס'איז אבער נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען, צי די לייטונג פונ'ם טעאטער וועט די דאזיגע פראפאזיציע היי-יאהר אננעמען, ווייל לכתחילה איז דורך איהר געפלאנט געווארען, לויט'ן מוסטער פון די פערגאנגענע יאהרען, א בליץ-טורנעע איבער דער פוילישער פראווינץ ערב דעם הערבסט-און ווינטער-סעזאן אין ווארשא. אין דער נאהנטסטער צייט וועט דער דאזיגער ענין דעצידירט ווערען.

דערווייל שיקט איבער דער „אראראט"-אנסאמבל (שיינע מרים, מאשע פעטערמאן, אלמא שמאראגד, ש. דזשיגאן, י. שומאכער, ש. גאלדשטיין, מ. פולאווער, י. בערגמאן, מ. קאן, הערץ רובין, ב. שווארצשטיין) דורך אונזער צייטונג די הארציגסטע גריסען פאר אלע זיינע טשענסטאכאווער פריינד און פערעהרער.

יודעלעך האבען ליעב צו טומלען און נישט קאנען האלטען ארדנונג, מוז מען דאך מודה זיין, אז אויב ס'איז געלונגען פונדעסטוועגען ווי ס'איז צו דער האלטען די ארדנונג, איז עס נאר א דאנק דעם דרך ארץ, די טיפע אכטונג, וואס דאס פאלק פיהלט צום פערשטארבענעם מארשאל.

צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער שטאדט-שוהל האט אויך געשפיעלט א פיס-הארמאניע, וואס האט צוגעגעבען פייערליכקייט דער טרויער-צערעמאניע.

די שטאדט-שוהל איז געוואוינט צו האבען אין איהרע ווענט א סך מענשען, נאר דאס וואס ס'איז דארט געווען דעם פערגאנגענעם זונטאג, בעת דער טרויער-תפלה—דאס איז נאך נישט געווען.

אויך אין דער נייער סינאגאגע, וואו ס'איז פארגעקומען מיט 2 שעה שפעטער א טרויער-תפלה, איז אויך געווען פערזאמעלט א גרויסע צאהל בעזוכער, וואס זעלטען-זעלטען מען זעהט זיי.

דערמיט האט די יודישע בעפעלקערונג אויסגעדריקט איהר טיעפען צער און וועהטאג דעם ליבלינג פון פאלק, דעם גייסט פון יוזעף פילסודסקי.

איך האב שוין בייגעוואוינט פערשידענע פייערונגען און אויך טרויער-פערזאמלונגען, נאר אזוי ווי דאס מאל איז עס נאך קיינמאל נישט געווען.

הכול שוחטין...

טשענסטאכאוו איז א שטאדט, וואס גיט פרנסה יעדען איינעם, וואס טויג זיך נאר צום עסק, און דער עיקר צו שחיטה. ווער עס קאן נאר נעמען א מעסער אין האנד אריין – דער נעמט און שחט.

געווען 2 אונלעגאלע שוחטים אין שטאדט, איז איינער געפאהרען קיין ארץ און דער צווייטער אויך אין א"ץ... האט מען דאך געמיינט, אז מען וועט זייערע פטור ווערען, הויבט זיך נישט אן. טשענסטאכאוו, ווי ס'ווייזט אויס, איז שוין בעשערט צו האבען ווינקעל-„שוחטים" און איידער איינער קומט אוועק איז שוין דא א צווייטער.

איהר ווייסט דאך די מעשה מיט'ן בעל-קורא פון דער שטאדט-שוהל, וועלכער איז בעוויטיגט געווארען צוליעב דארט עפיס א מעשה, איז ער זיך מישב און זאגט אזוי: אויב קהל וויל מיך נישט האבען פאר א בעל קריאה (דעמזעלבען האט מען שוין פון דער נייער סינאגאגע אויך בעזייטיגט אלס בעל-קורא), וועל איך זיי אבטהון א בעסער שפיצעל, איך וועל ווערען שוחט און טהוט מיר עפיס, און אומר ואוכל – גענומען א מעסער און שחט. ס'פערשטעהט זיך, אז דאס איז נבלה וטריפה, אבער דעם דאזיגען „שעהנעם יודען" און רבי, מלמד, מנהיג און נאך אזעלכע טיטולען, וועלכע ער נעמט זיך, ארט דאס גארנישט.

ס'איז אינטערעסאנט, וואס די קהלה, ראבינאט און דער עיקר, וואס זיינע בעשיצער וועלען זאגען צו דער מלאכה פון נייעם „שוחט".

עס איז נישט צו פערשטעהן...

די מעשה מיט'ן נייעם מארק איז א גרויס געשעהעניש אין לעבען פון די מארק-הענדלער בכלל און פון די יודישע מארק-שטעהער בפרט, און דעריבער אפילו שוין אין דער לעצטער מינוט, ווען ס'האט זיך געהערט א קלאנג, אז ס'איז נאך דא א האפנונג די גזירה, אויב נישט אינגאנצען מבטל צו מאכען, טא כאטש זי אבשטיפען אויף א צייט, האט עס ארויסגערופען אונגעהויערע פרייד ביי אלע מארק-שטעהער.

א דעלעגאציע איז אוועקגעפאהרען קיין ווארשא און קיעלץ און געקומען זענען זיי מיט בשורות טובות, איינגעגעארדענט מיטינגען און מבשר געווען, אז ס'איז דאך געלונגען די גזירה אבצולעגען. און אפילו שוין אין דער לעצטער מינוט, ווען מען האט געזעהן, אז ס'איז ביטער, פון די אלע הבטחות און צוזאגעכצען לאזט זיך אויס א טייך, האט מען ווידער דערצעהלט, דאס ס'איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון ווארשא, וועלכע זאגט, אז ס'איז געלונגען די גזירה אויפצוהאלטען

ווי איהר ווייסט אבער, האבען נישט געהאלפען די אלע הבטחות און בשורות. דער נייער מארק איז פערשפיעלט, מען האט שוין זאגאר די שטיינער ארויסגעריסען און זיי אוועקגעפיהרט.

מילא, פערפאלען, נישט אלע מאל געלונגט א גזירה מבטל צו מאכען, נאר וואס מען האט די פערארימטע, פערחושכטע געטרייסט מיט חלשות-טראפען, מיט בשורות און טעלעגראמעס, איז ווירקליך נישט צו פערשטעהן...

דער גרינער מארק...

יא געהן אויפ'ן זאוואדזער מארק אדער נישט געהן—דאס איז די איינציגע פראגע, וואס פערנעמט דעם מח פון די מארקשטעהער. אדער אלע זאלען בלייבען שטעהן אויפ'ן אלטען מארק אדער קיינער זאל נישט שטעהן—אויך דאס איז א פראגע וואס ווערט דיסקוטירט צווישען די מארק-הענדלער און ווי געוועהנליך זענען דא חלוקי-דעות. טייל זאגען, אז מען דארף ראטעווען וואס מען קאן, און אויב ס'זענען פערהאן כאטש עטליכע בראנזשעס, וואס קאנען בלייבען שטעהן אויפ'ן אלטען מארק, זאל מען זיך וועגען דעם בעמיהען; קומען ווידער צו געהן אנדערע, נישט-פערגינער, און שרייען, אז אויב זאוואדזיע, טא זאלען אלע געהן קיין זאוואדזיע.

דערווייל ווערען אדורכגעפיהרט אינטערווענצען ביים שטאדט-פרעזידענט וועגען דערלויבען ווייטער לאזען שטעהן אויפ'ן אלטען מארק אזויפיעל בראנזשעס וויפיעל ס'וועלען דארט קענען פלאץ געפינען, און ווי ס'איז צו האפען וועלען די בעמיהונגען געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

בזמן הזה אבער שטעהען אויפ'ן אלטען מארק נאר די יעניגע, וועלכע האנדלען מיט לעבענס-מיטעל און דער עיקר מיט אויבס, און היות ווי היינט איז נאך צו פריה אויף אויבס (ס'וואקסט ערשט) שטעהט מען מיט גרינס.

קומט מען אין אלטען מארק ווארפט זיך אלעמען אין די אויגען דאס גרינס: פיעטרישקע, ציבעלס, רעטעכלעך, שטשופיארעק א.ז.וו.

פריהער האט מען גערופען: נייער מארק און אלטער מארק, אז דער נייער מארק איז שוין מעהר נישטא, פאלט דאך אויך אב דער נאמען אלטער מארק, וועלכען מען רופט טאקע דעריבער: דער גרינער מארק.

ברוך הבא זשאבאטינסקי איז דא!

א טאראראם, א געטימעל אין די רייהען פון די היגע רעוויזיאניסטען. וואס איז? עס קומט צו פאהרען קיין טשענסטאכאוו זייער פיהרער, דער ראש פון דער רעוויזיאניסטישער פארטיי—זשאבאטינסקי.

וולאדימיר זשאבאטינסקי. ווי מען זאל זיך נישט בעציהען צו זיין טעאריע אין ציוניזם, א קעמפער איז ער יעדענפאלס א גרויסער און מיט דעם גאנצען בעוואוסטזיין פון זיין אידעע שטעהט ער אין די פאדערשטע רייהען, קעמפענדיג פאר א מלכות-ישראל.

דאס גרויסקייט פון זשאבאטינסקי'ן בעשטעהט דערין, דאס אויסער דעם, וואס ער איז א מוטיגער, אויסגעהאלטענער פארטיי-מאן, האט ער ערצויגען א דור, וועלכע רעספעקטירען איהם און האבען איהם שטארק ליעב. זיין ווארט איז א בעפעהל, און צעהנדליגער טויזענדער יונגע און אלטע יודען געהן איהם טריי נאך, אויספיהרענדיג זיינע פעראָרדנונגען.

איצט איז געקומען א שפאלטונג. די רעוויזיאניסטען זענען ענדליך ארויסגעטרעטען פון דער ציוניסטישער פארטיי און גרינדען אנ'אונאבהענגיגע ציוניסטישע פארטיי.

דאס איז א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון ציוניזם פון די לעצטע יאהרען.

אייגענטליך פיה'רט זיך שוין לאנג א קאמף אין דער ציוניסטישער מחנה, בעסער געזאגט צווישען דער עקזעקוטיווע מיט די רעוויזיאניסטען, אלץ אבער איז פארגעקומען אינערהאלב דער פארטיי. נאך מיט'ן לעצטען בעשלוס וועגען דעם אופן פון דער שקלים-פראצעדור, איז ענדליך אלץ געפלאצט און די רעוויזיאניסטען זענען ארויסגעטרעטען פון דער ציוניסטישער פארטיי און גרינדען א נייע.

כדי דעם עולם צו בעקענען מיט דער ניי-געשאפענער לאגע, פאהרט זשאבאטינסקי ארום איבער דער וועלט און בעגרינדעט דעם דאזיגען בעשלוס.

היינט איז ער אין פוילען און מיטוואך דעם 29-טען וועלען איהם די טשענסטאכאווער יודען האבען פאר א גאסט.

קומט פאר ביי די היגע רעוויזיאניסטען א טאראראם, ווייל—ברוך הבא, א גאסט, וולאדימיר זשאבאטינסקי איז דא.

לויתן.

Zarząd Częstoch. Banku Spółdzielczego z ogr. odp.

zawiadamia, iż **Doroczne Walne Zgromadzenie członków** odbędzie się **w niedzielę 26 maja o g. 15 w lokalu „Makkabi"** Katedralna nr. 13

Porządek dzienny: 1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokułu poprzed. Walnego Zgromadzenia. 3) a. Rozpatrzenie i przyjęcie sprawozdania za rok operacyjny 1934. b. podział czystego zysku. 4) Uchwalenie budżetu na rok 1935. 5) Uchwalenie kapitału żelaznego. 6) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 6) Oznaczenie najwyższej sumy zobowiązań jakie Spółdzielnia może zaciągnąć. 8) Wybory na miejsce ustępujących: a. członka Zarządu p. S. Goldsteina oraz 2-ch zastępców. b. członków Rady Nadzorczej pp: St. B. Helmana, F. Szpiro, A. Epsteina oraz 3-ch zastępców.

Uwaga: Ustępujący członkowie mogą być ponownie wybrani.

טשענסטאכאווער באנק ספּולדזיעלטשי

די פערוואלטונג פון — מיט בעגר. פעראנטוו. מאכט בעקאנט, דאס

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג קומט פאר **זונטאג, ד. 26-ען מאי 1935 י. 3 נאכמיטאג אין לאקאל פון „מכבי"**, קאטעדראלנא № 13

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג און וואהל פון א פארזיצענדען. 2) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער פוריגער אלג. פערזאמלונג. 3) א. דורכקוקען דעם בעריכט און בילאנס פאר'ן יאהר 1934. ב. צוטיילען דעם ריוח. 4) בעשטעטיגען דעם בודזשעט פאר'ן יאהר 1935. 5) בעשטעטיגען דעם גרונד-קאפיטאל. 6) בעשטימען די גרעניץ פון העכסטען קרעדיט פאר א מיטגליד. 7) בעשטימען די גרעניץ פון דער העכסטער פערפליכטונגס-סומע, וועלכע די באנק קען נעמען אויף זיך. 8) וואהלען אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע: א. פערוואלטונגס-מיטגליד ה' שמואל גאלדשטיין און 2 פערטרעטער, ב) מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראט ה"ה: סט. ב. העלמאן, פ. שפירא, א. עפשטיין און 3 פערטרעטער.

בעמערקונג: די אבטרעטענדע מיטגלידער קענען נאכאמאל געוועהלט ווערען.

די גראנדיעזע טרויער - מאניפעסטאציע פון טשענסטאכאווער יודענטום.

די טרויער = תפלות אין די שוהלען.

אין פערלויף פון נעכטיגען טאג האט די טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג אויף א ווירדיגען אופן אויסגעדריקט דעם טיעפען צער און טרויער צוליב דער גרויסער אבידה פון מארשאל פילסודסקי.

10 א זייגער אינדערפריה האבען זיך אין דער שטאדטישער שוהל פערזאמעלט: די מיטגלידער פון דער קהלה-פערוואלטונג און ראט, דעלעגאציעס פון אלע היגע יודישע ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, די האנדווערקער-צעכען מיט זייערע פעהנער, די יודישע קאמבאטאנטען (זשוב), „ברית - החייל", „בית"ר" מיט די פעהנער, „ברית-הקנאים", מיטגלידער פון די קליינהענדלער-ארגאניזאציעס, דעלעגאציעס פון שולען און אן'אונגעהויער גרויסער עולם פשוט דערדריקט צו ווערען. די שוהל איז געווען אזוי איבערפולט, אז פיעל הונדערטער מענשען, וועלכע האבען אהינגעשטראמט, האבען שוין נישט געפונען דארט קיין פלאץ. — אויסערדעם זענען געקומען פארשטעהער פון דער סטאראסטווא, מאגיסטראט, אפיצירען פון דער מיליטערישער גארניזאן-קאמענדע, פון דער פעדעראציע פון ג. מיליטערלייט א. אנד.

די טרויער-צערעמאניע הויבט זיך אן מיט א קאפיטעל תהילים, וועלכעס זינגט חזן באדאש ביי דער בעגלייטונג פון א פּוסהארמאניע און כאר און דאן האלט א לענגערן און איינדרוקספולען הספד דער רב ר' נחום אש, וועלכער שטיצט זיך אויפ'ן פסוק: „שר וגדול נפל היום הזה בישראל". דער רב שטעלט זיך אב אויף די מעלות פון יוזעף פילסודסקי אלס מיליטער-אנפיהרער און שטאטסמאן — שר וגדול — א דאנק וועלכע ער האט דערפיהרט צו דער אונאבהענגיקייט פון פוילען און צו דער בעפעסטיגונג פון די יסודות פון דער מלוכה. ווייטער בעריהרט דער חשוב'ער רב די יעצטיגע אונגעהויער שווערע אינטערנאציאנאלע לאגע, ווען ס'איז נויטיג אין דער שפיץ פון דער מלוכה א שטארקע און אויטאריטאטיווע פערזענליכקייט, און בעטאנט, אז דער פערלוסט צוליעב'ן טויט פון מארשאל פילסודסקי איז נאך גרעסטער דערמיט, וואס אט אין אזא צייט איז ער פון אונז אוועק — נפל היום הזה. דער רב רעדט אויך וועגען דער בעציהונג פון יוזעף פילסודסקי צו דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען און בעהויפטעט, אז זיין טויט איז פאר אונז יודען — בישראל — א דאפעלטער פערלוסט — אלס בירגער פון לאנד און אלס יודען.

אן'איינדרוקספולע רעדע האלט אויך דיר. אקסער, וועלכער שילדערט דעם אונגעהויערן פערלוסט, וועלכען עס האט געליטען פוילען צוליב'ן טויט פון גרעסטען מלוכה מאן און פאלקספיהרער מארשאל פילסודסקי, וועלכער האט דערפיהרט פוילען צו דער מדרגה פון די גרעסטע וועלט-מלוכות. דער רעדנער שרייט אויס, אז אויבוואהל קערפערליך איז פילסודסקי פון אונז אוועק, זיינע אידעאלען לעבען אבער ווייטער צווישען אונז און די דאזיגע אידעאלען שווערען מיר ווייטער צו פיהרען און דערהאלטען.

דאן ווערען ארויסגענומען די ספרי-תורות, און דער חזן באדאש זינגט ווייטער ביי דער בעגלייטונג פון כאר און פון דער פוסהארמאניע עטליכע קאפיטלען תהילים און מאכט א מלא רחמים, וואס ריהרט אלעמען ביז טרעהרען. צום סוף זינגט דער כאר „אנוש כחציר ימיו" און מיט שאפענ'ס טרויער-מארש, אויסגעפיהרט אויף דער פיסהארמאניע, ווערט די טרויער-צערעמאניע פערענדיגט.

די דאזיגע טרויעריגע צערעמאניע האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק ביי די טויזענדער אנוועזענדע.

בעת דעם אבריכטען די טרויער-תפילה האט מען געהערט פון צייט צו צייט א פערשטיקט געוויין און שלוכצען.

צוועלף א זייגער איז אן'עהנליכע גאטעסדינסט פארגעקומען אין דער נייער שוהל, צו וועלכער עס זענען אויך געקומען פארשטעהער פון ארגאניזאציעס, שולען און א גרויסער עולם.

די געהעריגע תפילות האט אבגעריכט חזן פישעל ביי דער בעגלייטונג פון דער פיסהארמאניע און דאן האט דר. הירשבערג געהאלטען א לענגערע רעדע וועגען דעם פערשטארבענעם מארשאל יוזעף פילסודסקי.

פון „קרן קימת לישראל".

עס איז שוין מעגליך צו מאכען א סך-הכל איבער דער ארבייט פון קרן קימת אין דער ערשטער העלפט פון תרצ"ה. וואס ס'וואורפט זיך באלד אין די אויגען, איז דער וואוקס פון די הכנסות אין דער צייט ווען גאנץ תרצ"ד האט ארייגעבראכט 3000 זל. זענען ביז ניסן דאס יאהר געזאמעלט געווארען 3.600 זל. (20 פראצ. מעהר ווי דאס גאנצע פערגאנגענע יאהר) און וואס מעהר אין א ספעציעלער אקציע (כפר רוטשילד) מיט דער בעטייליגונג פון א"י דעלעגאט יוסף דרעציינסקי איז געווארען אויסער דעם געזאמעלט אנ'ערך פון 5,000 זל. אזוי ארום וועט אפשר אונזער שטאדט, צום ערשטען מאל אין די לעצטע יאהרען ערפולען דעם קאנטיגענט פון 10.000 זל., וועלכע דארפען ביי אונז געזאמעלט ווערען.

עס איז אבער נאך ווייט פון אונזערע אמת'ע מעגליכקייטען, נאך נישט דאס גאנצע יודישע טשענסטאכאוו ווייסט ווי געהעריג אבצושאצען די לייסטונגען פון קרן קימת, עס זענען פערשפרייט אין דער שטאדט נור 800 ק.ק.ל.-פושקעס (אין תרצ"ד 400—500), די טראדיציאנעלע אקציעס ברענגען קליינע הכנסות, די נדרים זענען נאך נישט געווארען א הייליגקייט ביי יעדען עולה לתורה.

מען מוז האפען, דאסביים יודישען פאלק בכלל און ביים טשענסטאכאווער יודענטום בפרט איז געקומען די אמת'ע פערשטענדניש פאר'ן קרן קימת לישראל און די ווייטערדיגע הכנסות וועלען שטייגען.

און די ציפערן, וואס זאגען אונז וועגען דער ארבייט פון היגען ק.ק.ל. אין תרצ"ד?

עס איז געווארען געזאמעלט דורך די יוגענד ארגאניזאציעס 2683.44 זל., דורך די עלטערע ארגאניזאציעס (פארטייען) 932.08 זל. צוזאמען 3615.52 זל.

די מצבה-ענטהילונג פאר דער פערשטארבענער כלל-טהוער'ין העלענא וויערזשביצקא.

זונטאג, דעם 26 מאי 12 א זייגער פארמיטאג וועט אויפ'ן יודישען בית-עולם פארקומען די ענטהילונג פון דער מצבה פאר דער נישט-לאנג פערשטארבענער כלל-טהוערין פרוי העלענא וויערזשביצקא און ביי דער געלעגענהייט וועט אויך געמאכט ווערען א געהעריגע הזכרה.

אלע פערעהרער, וועלכע האבען אבגעשאצט די גרויסע געזעלשאפטליכע לייסטונג פון דער פערשטארבענער דארפען זיך בעטייליגען אין דער דאזיגער פייערליכער הזכרה.

וול. זשאבאטינסקי אין טשענסטאכאוו.

דער איינציגער רעפעראט פון פרעזידענט פונ'ם רעוויזיאניסטישען אוניאן וול. זשאבאטינסקי האט ביי אונז אין שטאדט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג, ווי אויך אין דער פראווינץ.

פון פערשידענע שטעדט און שטעדלעך זענען שוין אנגעקומען ווענדונגען וועגען רעזערווירען בילעטען. די ווייטסטע פראווינצען האבען אנגעמעלדען זייער אנטייל אין דעם גרויסען יום טוב צוליעב'ן ווייל'ען אין אונזער שטאדט פון דעם הויכגעשעצטען גאסט—זאב זשאבאטינסקי.

צו דער אויפנאהמע פון פרעזידענט זשאבאטינסקי איז ביי אונז אין שטאדט געשאפען געווארען א ספעציעלער קבלת-פנים-קאמיטעט פון די גרעסטע היגע פערזענליכקייטען.

די היגע רעוויזיאניסטישע גרופירונגען גרייטען זיך צו א פייערליכע אויפנאהמע פון מנהיג זשאבאטינסקי. עס וועט פארקומען א דעפילאדע איבער דער שטאדט, ווי אויך א קבלת פנים ביי דער סטאציע מיט דעם פאהן.

פרעזידענט זשאבאטינסקי וועט אנקומען פון ווארשא מיט'ן שנעל-צוג 8.35 אווענד און דער רעפעראט וועט זיך אנהויבען 9.30 אווענד.

נאך דער פארלעזונג פון פרעזידענט זשאבאטינסקי וועט פארקומען א גרויסער באנקעט לכבוד דעם גאסט מיט דער בעטייליגונג פון די חשוב'סטע פערזאנען ביי אונז אין שטאדט.

אלע בעזיצער פון פרעסע-קארטען און צייטונגס-פארשטעהער, וועלכע ווילען זיין אנוועזענד אויפ'ן רעפעראט מוזען זיך פריהער ווענדען אין דעם סעקרעטאריאט פון הצה"ר אלעע וואלנאשצי 3.5 נאך איינטריט בילעטען. אין טאג פון רעפעראט ביי דער קאסע וועלען די אלע קארטען זיין אונגילטיג.

פון ברית הצ"הר.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פארשטעהענדען פלעביסציט אין דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג וועגען שאפען א אונאבהענגיגע ציוניסטישע ארגאניזאציע „או. צ. א"., וועלכע קומט פאר דעם 2-טען יוני, זענען לויט דער אויפפאדערונג פון צענטראל-קאמיטעט דעלעגירט געווארען אין דער ארומיגער פראווינץ פאלגענדע פארשטעהער פון היגען ועד הצה"ר, וועלכע וועלען אומעטום ארויסטרעטען מיט רעפעראטען אויף פאלגענדע טעמע: „דער וועג צו דער אומאבהענגיגער ציוניסטישער ארגאניזאציע".

קרזעפיץ—ש. ניעמיראווסקי, י. מ. וויינמאן.

קלאבוצק—ל. קאפינסקי.

קאניעצפאל—מ. זעלצער, מ. שייקאוויטש.

פּרזירוב—ש. יארזאמבעק, נ. זהבי.

קלאמניץ—ע. יאקובאוויטש, א. לענטשנער.

שבת, דעם 25-טען ד. ח. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין ברית הצה"ר א קאלעקטיווער רעפעראט, געהאלטען דורך די חברים דיר. מ. וויינמאן און פראפ. ב. וויינבערג א. ד. ט.: „דער וועג צו דער אונאבהענגיגער ציוניסטישער ארגאניזאציע". נאכ'ן רעפעראט א דיסקוסיע.

פון „מזרחי".

שבת פ' בחקותי פונקטליך 5 נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 10 א רעפעראט א. ד. ט. „דאס רעליגיעזע יודענטום און דער נייעצהנטער ציוניסטישער קאנגרעס" מיט'ן אנטייל פון יו"ר פון „מזרחי" הר' יוסף שמעון קאפּלינץ און ר' שמואל גאלדשטיין.

Zarząd Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

ma zaszczyt zawiadomić, że

Zwyczajne Ogólne Zebranie członków Towarzystwa

odbędzie się w LOKALU GIMNAZJUM przy ul. Dąbrowskiego № 7 w NIEDZIELĘ, dn. 2-go CZERWCA 1935 r. o godz. 3-ej a w razie braku kompletu o godz. 4-ej po poł. bez względu na ilość przybyłych z następującym porządkiem obrad: 1) Zagajenie. 2) Wybór przewodniczącego, 3) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zebrania, 4) Sprawozdanie za rok szkolny 1933-34 i udzielenie absolutorjum Zarządowi. 5) Budżet na rok szkolny 1934-35, 6) Wybór 15 członków Zarządu i 5 zastępców, 3-ch członków Komisji Rewizyjnej i 3-ch zastępców, 7) Wolne wnioski.

ZARZĄD.

די פערוו. פון סוחרים-און פאבריקאנטען-פעראיין

מאכט בעקאנט, אז **זונטאג**, דעם **26 מאי** ד. י. **3 נאכם.** אין אייגענעם לאקאל, אלעע וואלנאשטשי 3-5 קומט פאר די

אלגעמיינע פערזאמלונג.

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהל פון א פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג, 3) לעזען דעם פראטאקאל פון דער אלג. פערזאמלונג פון 2 אפריל 1934, 4) בעשטעטיגען דעם בעריכט פון 1934, 5) ענדערן דעם סטאטוט, 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1935, 7) וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע, 8) פרייע פארשלאגען.

בעמערקונג: 1) אין פאל ווען אין ערשטען טערמין וועט נישט קומען די געהעריגע צאהל מיטגלידער, וועט די פערזאמלונג פארקומען דעם זעלבען טאג 4 נאכמיטאג אין צווייטען טערמין און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאהל אנוועזענדע. 2) לויט'ן פאר. 13 פ. 5 פון סטאטוט האבען די מיטגלידער דאס רעכט אריינצוטראגען פארשלאגען נאר 10 טעג פאר'ן טערמין פון דער פערזאמלונג.

נאר נאך 3 טעג! נאר נאך 3 טעג!

אונגעוועהנליכע סענסאציע פאר טשענסטאכאוו!

STANIEWSKICH CYRK POD WODĄ

אויפ'ן פלאץ קילינסקי-גאס 18 (ציקלאדראם).

בעצויבערענדע וואסער-פאנטאמין אין 3 אקטען ביים אנטייל פון 250 פערזאן. 500.000 ליטער וואסער פערגיסט דעם צירק, שאפענדיג אנ'אזיערע. נישט-געזעהענע אויסשטאטונג! — אונגעוועהנליכע ליכט-עפעקטען! — די גרעסטע וועלט-אטראקציעס!

ביים צירק—א רייכע מענאזשעריע, וואס איז אפען יעדען טאג פון 9 א זייגער פריה.

בעמערקונג: שבת, זונטאג און יום טוב צו 2 פארשטעלונגען 4.15 נאכמיטאג און 8.15 אווענד. — — — אויף די נאכמיטאג-פארשטעלונגען ביליגע פרייזען.

זאשיא וויינשטאק נ"ע.

א גרויסע אבידה האט דאס יודישע שול-וועזען אין אונזער שטאדט געליטען מיט'ן פריהצייטיגען טויט פון דער בעקאנטער אין אונזער שטאדט, שול-לייטערין זאפיא וויינשטאק.

די פערשטארבענע האט נאך עטליכע יאהר שטודיום אויפ'ן מאטעמאטישען פאקולטעט ביים ווארשאווער אוניווערזיטעט געגרינדעט די פאלקס-שול, וועלכער זי האט אבגעגעבען איהר גאנצע ענערגיע, טאלאנט און חריפות. זי איז געווען אויסערגעוועהנליך בעליבט ביי די קינדער, וועלכע האבען זי ממש פערגעטערט.

זאפיא וויינשטאק איז געווען א זעלטענער אידעאלער טיפ פון א מענשען און האט ביי אלע ארויסגערופען דרך-ארץ און ליעבשאפט און דער פלוצלינגער טויט האט אלעמען געטראפען ווי א דונער.

נאכ'ן ארון איז נאכגעגאנגען א גרויסער עולם מלוים, וועלכע האבען בעוויינט דעם פריהצייטיגען טויט פון דער ביי אלעמען געשעצטער שול-לייטערין זאפיא וויינשטאק.

זאל איהר די ערד גרינג זיין.

שטיצט די געז. „תומכי עניים"!

פון דער געזעלשאפט „תומכי עניים" (גוט-שבת-יודעלעך) טיילט מען אונז מיט, אז פערג. שבת איז פערטיילט געווארען איבער 500 קילא ברויט, חלות און אנדערע פראדוקטען צווישען מעהר ווי 300 נויטבעדערפטיגע, בכבוד'ע פאמיליעס.

די פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט מאכט גלייכצייטיג אויפמערקזאם, אז די פראדוקטען, וואס ווערען געזאמעלט, גענוגען נישט פאר די נצרכים, וואס נויטיגען זיך אין שטיצע און די געזעלשאפט איז געצווינגען יעדע וואך צוצוקויפען אנ'ערך 150 קילא געבעקס, כדי צו קענען בעזארגען אלע נויטבעדערפטיגע, ווען עס וואקסט כסדר.

די געז. „תומכי עניים" ווענדעט זיך דעריבער צו דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט א הייסען אפעל, אז קיינער זאל נישט פעהלען צווישען די פראדוקטען-שפענדער און יעדער זאל, לויט זיין מעגליכקייט, מיטהעלפען צו לינדערן די נויט פון אונזערע בכבוד'ע, ארימע ברידער, אגיטירענדיג צווישען בעקאנטע און קרובים לטובת דער געז. „תומכי עניים".

ביי דער געלעגענהייט בעט די פערוואלטונג די חשוב'ע נותנים, אז אנשטאט אייער זאלען זיי בעסער געבען ברויט אדער חלות.

די געזעלשאפט „בית-לחם"

מעלדעט, אז צוליב דעם, וואס פיעל בילעטען זענען נאך נישט פערקויפט געווארען, איז די ציהונג פון דער פאנטען-לאטעריע אבגעלעגט געווארען אויף דעם 15 דעצעמבער ד.י.

צו מיין ג' קונדשאפט!

אזוי ווי מיינע אויגען זענען מיר ל"ע טונקעל געווארען און כ'האב נישט קיין מיטלען ארויסצוברענגען פרנסה בין איך געצווינגען צו געהן אויף די הויפען מיט מיינע בערשטען און אזוי ווי עס איז מיר שווער צו געהן אויף די טרעפען בעט איך די געעהרטע קונדשאפט אויף מיין רוף ארבצוקומען אויפ'ן הויף.

מיט אכטונג **עמנואל ווייצענבלאט.**

ברית הציונים הרביזיונים בפולניה סניף בצינסטחובה.

בילעטען צום פרייז פון 1.50 ביז 3.99 זל. צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה׳ באָטשאַן, אַלעע 6, אין באַנק האנדלאָוי, נייער מאַרק 4 און אין טאָג פון דער פאָרלעזונג פון 5 א זייגער אָוונד אין דער קאַסע פון קינאָ „לונא״.

מיטוואָך, ד. 29 מאַי 9 א זייגער אָוונד קומט פאָר אין **קינאָ „לונאָ״**

א רעפעראַט

פון פרעזידענט פון ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישען וועלט-אוניאָן

זאב זשאבאָטינסקי

א.ד.ט.: **„אויפן שוועל פון דער בייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״.**

פון דער פאָלקס-שולע נר. 13 א. נ. פון מאַריא קאָנאָפּניצקאַ.

אויף דער אויסערגעוועהנליכער טרויער-זיצונג פון פעדאַגאָגישען ראַט, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 17 מאַי ד. י. איז בעשלאָסען געוואָרען צו פעוערען און פעראייביגען דעם נאָמען פונ׳ם גרויסען נפטר דורך שאַפען א סטיפענדיום אויפ׳ן נאָמען פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

דער פאָנד ווערט בעשטימט אויף פאַרטצוזעצען די בילדונג אין א מיטעל-שולע.

פונ׳ם דאָזיגען פאָנד קען געניסען א שילער אדער שילערין אויסשליסליך פון דער שולע נר. 13. פאַרצוג וועט האָבען די דאָזיגע שילערין אדער שילער, וועלכער וועט דורך דער גאַנצער צייט פון לערנען אין דער שולע זיך אויסצייכענען מיט גוטער אויפפיהרונג, גוטע פאָרטשריט אין דער בילדונג און טעטיגקייט אין די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס ביי דער שולע.

פון באָראָכאָוו-היים, נייער מאַרק 2.

שבת, דעם 25 ד. מ. 11 א זייגער פריה קומט פאָר א מאַסען-פערזאַמלונג פון טראַנספּאָרט-אַרבייטער געווידמעט דער שקל-אַקציע.

שבת, 3 נאָכמיטאָג—א מאַסען-פערזאַמלונג פון דער פּאַרטיי געווידמעט דער שקל-אַקציע.

שבת, 4 נאָכמיטאָג—א פערזאַמלונג פון „העובד״ וועגען דער שקל-אַקציע.

שבת 6 נאָכיטאָג—א פערזאַמלונג פון די צ. ס. אַקאַדעמיקער וועגען אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

שבת 9 אָוונד—קומט פאָר א באַנקעט צום אָפּפאָהר פון ח׳ שמואל פּושצשינסקי מיט דער פרוי קיין ארץ-ישראל.

אַלע הברים ווערען אויפגעפאָדערט זיך צוצופאַסען צו די אויבענדערמאַנטע שעה׳ן און צו קומען פּונקטליך.

סטאַניעווסקי׳ס צירק אין טשענסטאָכאָוו.

דער אינטערעסאַנטסטער סטאַניעווסקי׳ס צירק, וועלכער האָט זיך נעכטען דאָנערשטאָג געעפענט און בלייבט נאָך נאָר אויף 3 טעג אויפ׳ן פּלאַץ קילינסקי 18 אין זיינע אייגענע נייע נאַמיאָטען, האָט דאַסמאָל וויר׳קליך פעראינטריגירט פּשוט גאַנץ טשענסטאָכאָוו, ווייל חוץ א גאַנצע רייהע ערשטקלאַסיגע צירק-אַטראַקציעס איז ניי און קאָלאָסאַל-עמאָציאָנעל אויף דער פּראָווינץ די וואַסער-פּאַנאָראַמע, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל ביז 250 פערזאָן. די צירק-אַרענע ווערט אין פערלויף פון 3 מינוט פערפלייצט מיט 500.000 ליטער וואַסער און אין דעם ים צווישען פערשידענע געוואַלדיגע ליכט-עפעקטען, קאַסקאַדען, גאָנדאָלען, פּאָנטאָנען, טרעטען אויף צווישען אַנדערע א גרעסערע צאָל גירלס׳ן.

בעמערקונג: שבת און זונטאָג צו 2 פאָרשטעלונגען אויף די נאָכמיטאָג פאָרשטעלונגען זענען פּאָפּולערע פּרייזען.

פון י. ג. פ. ל.

שבת, דעם 8 יוני וועט דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער י. ג. פ. ל. אויספיהרען די לאַנג-רעפּעטירטע פּיעסע „הירשל אָסטראָפּאָלער״, רעזשי ש. פראַנק אין זאַל פון „מכבי״ (קאַטעדראַלנע 13).

— זונטאָג, דעם 26 מאַי קומט פאָר אַן׳אויספלוג קיין אַלטשטין — סאַקאַלע בעוג. צוזאַמענקונפט 7 פריה אין לאָקאַל פון „מכבי״. הין און צוריק קאָסט 1 זלאָטע.

— אויף דעם עספּעראַנטאָ-קורס ווערען נאָך צוגענומען איינשרייבונגען.

— די קאַנצעלאַריע איז טעטיג פון 9 ביז 10 אָוונד אין זאַל פון „מכבי״, קאַטעדראַלנע 13.

געוועלבער מיט צוקערוואַרג זענען אָפען ביז 11 אָוונד.

דער סטאַראָסטע ראַגאָווסקי האָט נעכטען אויפגענומען א דעלעגאַציע פון פּוילישען סוחר׳טום וועגען נאָרמירען די האַנדעלס-שעה׳ן אין אונזער שטאָדט.

אויפ׳ן יסוד פון די בעמיהונגען און א דאַנק דער גינסטיגער שטעלונג פון קעלצער וואָיעוואָדע, זאָל דער סטאַראָסטע אַרויסגעבען היינט א געהעריגע פעראָרדנונג אין דעם ענין, אַז פון היינט זאָלען די שטעלען פון אויסשליסליכען פערקויף פון צוקערוואַרג, פרישע פּרוכטען און קיהלענדע געטראַנקען טעגליך, ביז׳ן 30-טען סעפּטעמבער ד. י., מעגען אָפען האַלטען זייערע געשעפטען ביז 11 אָוונד.

די פעראָרדנונגען, וואָס זענען נוגע די האַנדעלס-שעה׳ן אין אַנדערע קאַטעגאָריעס געוועלבער, וועלען היינט פעראָפענטליכט ווערען.

גרויסער אויספלוג פון טשענסטאָכאָווער איינוואוינער נאָך קראָקע.

אין דער נאָכט פון 11 אויפ׳ן 12-טען יוני ד.י. וועט פון טשענסטאָכאָוו אַרויספאָהרען א ספּעציעלער צוג און אין פאַל פון א גרעסערער פאָרקוועניץ — עטליכע צוגען, וועלכע וועלען איבערפיהרען איינוואוינער פון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד נאָך קראַקא, כדי אָבצוגעבען כבוד דעם ערשטען מאַרשאַל פון פּוילען — יוזעף פּילסודסקי.

אין דער שפּיץ פון דעם אויספלוג האָבען זיך געשטעלט סטאַראָסטע ה׳ ב. ראַגאָווסקי און דער שטאָדט-פּרעזידענט ה׳ י. מאַצקעוויטש.

אין דעם דאָזיגען אויספלוג קענען אַנטיילנעמען אַלע, אַפילו קינדער פון 10 יאָהר אָן אונטער דער אויפזיכט פון זייערע עלטערן אדער לעהרער.

די קאָסטען פון 1 פערזאָן בעטרעפען 6.50 זלאָטעס.

איינשרייבונגען, ווי אויך דעם אָבצאָהל נעמען אָן אין טשענסטאָכאָוו די שולען, פעראיינען, אָרגאַניזאַציעס א.א. חוץ דעם ווערען אויך אָנגענומען איינשרייבונגען פון נישט-פעראיינס מיטגלידער אין דער קולטור-און בילדונגס-אָבטיילונג ביים מאַגיסטראַט (צימער 3).

אַלע אַנטיילנעמער וועלען מיט זיך מיטנעמען צו 10 קג. ערד אויפ׳ן פּילסודסקי-באַרג אין קראַקא.

די אָרגאַניזאַציעס וועלען אָבפאָהרען אין מונדירען מיט זייערע פאָהנען און אָרקעסטערס.

אַלערליי אינפאָרמאַציעס וועגען דעם אויספלוג ערטיילט די קולטור-און בילדונגס-אָבטיילונג ביים מאַגיסטראַט אין טשענסטאָכאָוו אין די אַמטליכע שעה׳ן (טעל. 20.09).

די פּרעזעסען פון אָרגאַניזאַציעס, פעראיינען און געזעלשאַפטען, דירעקטאָרען פון שולען ווערען געבעטען זיך צו פערנעמען מיט׳ן אָרגאַניזירען דעם אויספלוג.

דער ענדגילטיגער טערמין פון איינשרייבונגען ענדיגט זיך דעם 5-טען יוני ד. י.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA״

ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַן׳אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) רעסאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל גלאַנץ.

די פּרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

א פּילסודסקי-אָבטיילונג אין וויעלונער מוזעאום.

כדי צו פעראייביגען אין אונזער געגענד דעם אָנדענק פון מאַרשאַל פּילסודסקי, איז בעשלאָסען געוואָרען צו עפענען אַן׳אָבטיילונג אין וויעלונער מוזעאום, וואו עס וועט ווערען אָבגעגעבען אָרט פאַר מאַטעריאַלען און אָנדענקונגס-געגענשטענדען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער פערזאָן פון מאַרשאַל פּילסודסקי, ווי: אַלערליי אויפרופען, דרוקעס, פאָטאָגראַפיעס, אָבצייכנונגען דאָקומענטען א. ד. גל.

אַלע, וועלכע בעזיצען אַזא מאַטעריאַל ווערען געבעטען עס איבערצוגעבען אין מאַגיסטראַט.

ווידער דערשאָסען אויף טויט 2 קויהלען-גנבים ביי וויעלון.

דינסטאָג 10 אַ זייגער אָוונד האָבען זיך 2 פאַרשוינען אַרויפגעכאַפּט אויף א משא-צוג מיט קויהלען אויפ׳ן וועג וויעלון-ביאַלאַ און אָנגעהויבען אַראָבצוואַרפען קויהלען. די דינערשאַפט פון דער באַהן בעמערקענדיג דאָס, האָבען זיי אויפגעפאָדערט צו פערלאָזען דעם וואַגאָן. אויף דעם האָבען די גנבים געענטפערט מיט בעוואַרפען מיט קויהלען די באַהן-שומרים, דאַמאָלס האָבען די שומרים זיך בענוצט מיט געוועהר און איינער איז באַלד געוואָרען געשאָסען אויף טויט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר דעם 21-יעהריגען פעליקס סראָקאָ פון ביאַלאַ און דער צווייטער איז געוואָרען שווער פערוואונדעט, וועלכער איז אין אַ צייט אַרום אויף די סטאַציע וויעלון געשטאָרבען. דאָס איז געווען יוזעף קוזשניק פון ווידרזשין 24 יאָהר אַלט.

נאָכ׳ן אָדורכפיהרען די סעקציע, זענען די טויטע קערפּער׳ס אַרויסגעגעבען געוואָרען די עלטערן.

KINO „EDEN".

פון מאָרגען שבת

דער ליעבלינג פון פּובליקום

וולאַסטאַ בוריאַן

אין נייעסטען פילם

Kapitan KORKOVAN

חוץ דעם: פאָקס-אַקטואַליען, פּאַט און צייכען-גראָטעסקע.

אָנהויב 6 אָוונד — לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.

שבת און זונטאָג האַלב 1 מיטאָג

„מיידלעך אין מונדירען״.

Kino „LUNA"

Bal w Savoy'u

אין די הויפּט-ראָלען:

גיטאַ אַלפּער און האַנס יאַרעי.

טעגליך 1 סעאַנס

Przeor Kordecki

אָנהויב פון די סעאַנסען: 6, 8 און 10 אָוו.

„ATLANTIC"

אַגראָדאָוואַ 14.

ליליאַן האַרוועי

אין שלאַגער-פילם

WESOŁA ZUZANNA

אַלס צווייט בילד — לויט וועלס׳עס קונסטווערק

NIEWIDZIALNY CZŁOWIEK

OGŁOSZENIE.

Zarząd Miejski w Częstochowie (Dyrekcja Wodociągów i Kanalizacji) ogłasza niniejszem publiczny przetarg na wykonanie częściowej kanalizacji dzielnicy Zawodzie, obejmującej: budowę stacji pomp kanałowych i 2580 mb. kanałów.

Formularze ofertowe, warunki i rysunki otrzymać można za opłatą 10 zł. w biurze Wodociągów i Kanalizacji, ul. Katedratna 2. — Oferty należy składać do 28 maja b. r., godz. 12 w biurze Wodociągów, gdzie o tej godzinie nastąpi otwarcie ofert.

Oferenci muszą się wykazać kilkuletnią praktyką w wykonaniu podobnych robót.

Częstochowa, dnia 13.5.1935 r.

Za Tymcz. Prezydenta Miasta
Dyrektor Wodociągów i Kanalizacji
(—) **Inż. Knauer.**

W związku z ulgowemi egzaminami dla czeladników, który się kończy 31 grudnia 1935 r. zostaje zorganizowany

dwutygodniowy kurs przygotowawczy

który się rozpoczyna 10 czerwca.

Bliższe informacje udziela Kancelarja Szkoły Rzemiosł, Garncarska № 8.

ראַטעוועט דאָס געזונד!

א קראַנקער מאַגען איז אָפט די סיבה פון פערשידענע קראַנקהייטען

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

זענען א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאַגען. זיי בעזייטיגען אָבסטרוקציעס און זענען א מילד נאַטירליך אָבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאַנצען. וועלכע פערגיפטען דעם אָרגאַניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווערען געברויכט ביי קראַנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאַלשטיינער און מערידען, ווערען גערן גענומען דורך די קראַנקע.

אַנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין״ נעמט אָן:

Bank Gospodarst. Krajowego און אָבטיילונגען Bank PKO. און אָבטיילונגען (22.000 אַמטען קאָנטע) Państwowy Bank Rolny (פ.ק.אָ. ביי אַלע פּאָסט-) Pow. Bank Kredytowy S. A. און אָבטיילונגען Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D|B T. Bunimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku און אַנדערע. וועַרט = בריעף נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען.

פאָדערט די נייע פּרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.

אינפאָרמאַציעס ערטיילען אַלע דערמאַנטע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפט „היאַס״

Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

רייזע = פּלאַן

גילטיג פון 15-טען מאַי 1935 י.

קומען אָן:

פון וואַרשא: 0.16 (איבערשטייגען אין קאָלושקי); 1.44 (פון 1.6 ביז׳ן 31.8); 3.43; 5.20; 10.53 (שנעלצוג); 14.04; 20.35 (שנ.)

פון קאַטאָוויץ: 1.39; 7.38; 8.50 (נאָר אין אַרבייטס טעג); 9.29 (שנ.); 12.50; 15.07; 16.46; 18.40; 19.48 (שנ.); 22.22

פון קראַקא: 1.39; 3.52 (פון 2 יוני); 9.29 שנ.; 15.07; 19.48 שנ.

פון קאָלושקי: 0.16; 9.22; 16.40

פון פּיעטרקאָוו: 7.42

פון הערבי: 5.50; 7.44; 11.47; 16.51; 22.48

פון לובליניעץ: 7.44; 9.20 (נאָר אין חגאות); 16.51; 22.48

פון לאָדז דורך זדונסקאַ-וואָלאַ: 7.44; 22.48

פון קעלץ: 4.10 (פון 20.6 ביז׳ן 20.8); 7.35; 12.10; 18.29

געהען אָב:

נאָך וואַרשא: 1.44; 3.57 (פון 2 יוני); 6.— (איבערשט. קאָלושקי); 9.32 (שנ.); 13.25; 15.17; 19,51 (שנ.)

נאָך קאַטאָוויץ: 3.48; 5.58; 7.55; 10.54 (שנ.); 12.40; 14.10; 15.28 (אין אַרבייטס-טעג); 17.30; 20.38 (שנ.); 20.50

נאָך קראַקא: 3.48; 10.54 (שנ.); 14.10; 20.38 (שנ.)

נאָך קאָלושקי: 6.—; 8.20; 18.50

נאָך פּיעטרקאָוו: 21.05

נאָך הערבי: 5.25; 8.05; 14.15; 17.40; 21.13

נאָך לובליניעץ: 5.25; 14.15; 19.15 (נאָר אין חגאות); 21.13

נאָך לאָדז דורך זדונסקאַ וואָלאַ: 14.15; 21.13

נאָך קעלץ: 4.15; 15.15; 20.45

Redaktor i wydawca: B. Bocian   Druk. B. Bocian, Aleja 6